STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06008

SIZ KEYNMOL NIT TSU SHPET

Meyer Bobik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

לידער און פּאָעמעס

פון

ברוך־מאיר באָביק

ניו־יאָרק

1965

Copyright 1965 *by*
MEYER BOBICK

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK, N. Y. 10003

פאַר צייט פאַרלאָרענער אין שאַפּ און אין קלייט —
איז כל־זמן ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט,
וויל איך אַרויסברענגען אויף פּאַפּיר
אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין האַרץ ביי מיר.

געווידמעט מיין
ליבער פרוי
רעבעקאַ
און
קינדער

אינהאַלט

אַמעריקע — מיין פאַטערלאַנד 11
איך בין אַ שפעט־געקומענער 12
צו דער צייט 14
ס׳מוז צייטיקן סיי גרעזל, סיי בוים 15
דאָס בין איך 17
איך בין בלויז אַצינד אַביסל מיד 19
איך דאַנק 20
העי, איר אויסגעדינטע ! 21
כ׳האָב מיין וואָרט געשטעלט באַדינגען 22
אַ טבע אַזאַ ביי אים 23
אָ, שיינקייט פון סעזאָנען 24
איך בין נישט קיין פּאַיאַץ 26
דזשאַן פּ. קענעדי 27
ווי קען איך פאַרגעסן ? 29
דאָס וואָרקען פון די טויבן 30
פאַלשע נביאים 31
צופיל געזאָגט און דערמאָנט 36
דער קוילער איז שוין פריי פון חרם 38
סעם פּיי 40
וואָס קריכסטו, תלין, אין מיין גאָרטן ? 42
מלאך־הגואל 44
וואַשינגטאָנ׳ס פּאָרטרעט 45
רעבעקאַ 47
דער זין פון לעבן 48
נישט וויין, נישט וויין ! 49
די יוגנט געפונען 50
וואָס ווייסט אַ קלייט פון מידע גלידער 51
אַ טאָג פאַר זיך 52
אַ טאָג פון מיינע טעג 54
זיך צוגעהערט צום קאַרשנבוים 55
דער אידיש־טאָן מוז קלינגען אין אָרקעסטער 56
אַ שמועס מיט משה־לייבן 58
קען אַ ליד אים פאַרווילן ? 60
ס׳איז גוט וואָס מאָרגן איז אַ יום־טוב 61
די שיימע 62

א י נ ה אַ ל ט

פרילינג אין מאַנהעטן........................... 63
צום שטאָט־גאָרטן 65
גאַסן פון מיין שטאָט........................... 66
ערב פרילינג 69
מיין פלאַנץ וועט וואַקסן ווי אַ רויז........................... 70
האַרבסט־מאָטיוון 71
ווערטער 72
ס׳האָט פאַרשמעקט מיט פרילינג........................... 73
צום נייעם פרעזידענט........................... 74
שלום 75
אַ בילד פון די קריזיס־יאָרן........................... 76
פעסימיסט 80
זאָל זיך נאָך רויטלען דיין קאָליר........................... 81
ברודער מיינער, נחום........................... 83
ווען דו האָסט געבלענד מיט דיינע פאַרבן........................... 85
דריי קליינינקע שוועסטערלעך........................... 87
איינע פון די נעכט 88
איך פריי זיך מיט דער זון........................... 89
פראַגן־שטעלער 90
דער נעגער־רעוואָלט 92
דער שוואַרצער ריז 94
דאָס באַבערדלדיק געזיכט........................... 95

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

אַמעריקע — מיין פֿאַטערלאַנד

אָ, פֿאַטערלאַנד, ווי איך האָב דיך ליב! —
ווי קען אַ קינד נישט ליב האָבן זיין מאַמען,
וואָס איז יונג און שיין און שפּילעוודיק,
ווי כוואַליעס אויף די ים'ען?

איז ווי קען אַ הונגעריקער נישט אָפּשאַצן קיין ברויט,
וואָס ווערט געגעבן נישט בצמצום אויפֿן לויט
נאָר מיט פֿולע מזל'דיקע הענט?
און ווי קען אַ וואַנדערער נישט ליב האָבן אַ היים,
געבויט נישט בלויז אויף ציגל און אויף ליים,
נאָר אויף אַ דזשעפֿערסאָנישן פֿונדאַמענט? . . .

אין דער שטיל איך בענטש נאָך די מינוט,
ווען ס'האָט מיין פֿוס דיין ערד באַטראָטן!
איך נעם אָן דיין טאָג און אויך דיין נאַכט
ווי אַ איד נעמט אָן די צען געבאָטן!

עס זינגען דיכטער פֿון דיינע טיפֿע טייכן,
פֿון דיינע אַספֿאַלטירטע, ברייטע וועגן;
איך זינג פֿון גרויסן חסד —
מיט וואָס ביזט געקומען מיר אַנטקעגן!

פֿאַר דער מעגלעכקייט זיך צו דערנערן,
פֿאַר מעגן פֿראַנק און פֿריי דערקלערן
אַז איך בין אַ איד!

ווי מיט קערנער ס'איז אָנגעפֿילט אַ זאַנג,
אַזוי איז אָנגעפֿילט מיט ליבשאַפֿט מיין געזאַנג
צו דיר, אָ, פֿאַטערלאַנד, מיין ליד!

4טן יולי, 1952.

ב ר ו ך ־ מ א י ר ב אָ ב י ק

איך בין אַ שפּעט־געקומענער

ערשט כ׳קום זיך איצט באַווייזן,
כאָטש שוין באַלד אַן אַלטער איד —
איך וויל אָן מומים און אָן גרייזן
אייך פאַרשטעלן מיין ליד.

וואָרט און פאַרעם, גראַם און זין
זאָלן, ווי קינד צו מאַמע, זיין פאַרשטענדלעך;
נישט פאַרפּלאָנטערט, ווי ס׳געוועב פון שפּין,
אויף בוידעמס שפּאַלירנדיקע ווענטלעך.

כ׳בין פון אַלטן דור, אָבער נישט אַלטמאָדיש,
איך וויל זיך נישט פאַרמעסטן מיטן סאָלאָוויי;
פאַר נייקייטן כ׳וויל נישט שפּרינגען קדוש,
ווי קינדער אויפן ערשטן שניי.

די היטער מעגלעך פון פּאַרנאַס
וועלן טיר אין פּנים מיר פאַרקלאַפּן,
און לייכטזיניק, כמעט מיט שפּאַס,
ווי אַ בייזוואונדער מיין ליד באַטאַפּן.

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

דאָס ליד איז נישט קיין צאַנקנדיקער פלאַם,
וואָס וואַרפט טרויער-שאָטנס אויף די ווענט;
ס׳איז נישט קיין בענקעניש ביים ים —
אפילו ווען די שטוב שוין ברענט!

דאָס ליד איז אָפט אַ טיפער קרעכץ,
און אָפט — אַ ווילדער אויסגעשריי;
תמיד — אַ געראַנגל מיטן שלעכטס,
וואָס פאַראורזאַכט פיין און וויי.

כ׳בין אַ שפּעט-געקומענער,
זיך פאַרהאַלטן אויף די וועגן;
און איצט — אַ צוריק-געקומענער
מיט אַן אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן.

ברוך־מאיר באָביק

צו דער צייט

כ׳האָב אַ צעטל אָנגעקלעפּט אויף מיין דרויסנדיקער טיר:
„אָ, ליבע צייט, קום אַריין צו מיר!
חבר זיך מיט מיר אויף לאַנגע יאָרן,
מיר׳ן אינאיינעם אָפּפרישן דעם זכרון״.

ווען ווי אַן אָקס אין אָקערוואָגן כ׳בין געווען געשפּאַנט,
איז גוט אַביסל צייט איצט אויף דער האַנט

צו באַמערקן, אַז דער הימל איז גאָר בלוי;
אַז די נאַסקייט איז פון פרימאָרגנדיקן טוי.

אַז דער אָפּשיין פונעם מאָרגענשטערן
איז אַ סימן, אַז ס׳וועט ליכטיק ווערן!

אָ, ליבע צייט, דו ביזט מיר אַ גאָט-געשאַנק —
איך זאָג יעדן טאָג: „איך דאַנק, איך דאַנק!״

כ׳גלויב ס׳וועט מיין פייער זיך פונסניי צעבלאָזן,
און צעגרינען זיך וועלן ווידער מיינע גראָזן!...

נאָך עפּעס איך בעט, אָ, ליבע צייט:
דערבאַרעם זיך אויף די אויסגעדינטע לייט,

און זיי נישט, ווי אַ שווערע קייט
אַרום זייער האַלדז אַרומגעדרייט!

זיי זאָלן זיך נישט אַרומטראָגן פון אָרט צו אָרט,
און טראַכטן, אַז ס׳גליק איז נישט דאָ — נאָר דאָרט.

זאָלן זיי אויפהערן ציילן היינטיקע אומרעכטן —
פאַרטרייב זייער נאָסטאַלגיע צום נעכטן!

ס׳מוז צייטיקן סיי גרעזל, סיי בוים

איך וועל זיך אָוועקזעצן אין דער לעצטער ריי,
אין קליינע מאָסן זיך טאָן מעסטן.
ס׳איז שטיל דערווייל מיין אויסגעשריי
דערהערט צו ווערן פונעם קלענסטן און פון גרעסטן.

אַזוי איז דער נאַטירלעכער געזעץ,
נישט שייך מיט נאַטור זיך קריגן ;
כ׳וועל זיך נישט בייגן פאַרן זעלבסט־באַשטימטן געץ —
אַליין זיך דערדראַפּען צו די העכסטע שטיגן.

ס׳מוז צייטיקן סיי גרעזל, סיי בוים.
איז גוט וואָס זון און לופט איז זיי באַשערט,
ווי אַ בשורה וואָס טראָגט זיך איבער רוים
און ווערט סוף־כל־סוף דערהערט.

וועט אויך מיין קול, ווי אַ שופר טאָן אַ שאַל,
און ווערן אויפגעכאַפּט פון אַ געניטן אויער ;
און מיט וואַרעמקייט, ווי פון זונס אַ שטראַל,
אַריינדרינגען אין פאָלקס אויפגעפּראַלטן טויער.

ברוך־מאיר באָביק

דורך מיינע ראַנגלענדיקע יאָרן האָט דער שטן
זיך גערייצט, געוואָלט אויף זינדיקע שפּורן מיך פירן —
ס׳איז אים אָבער נישט געראָטן
מיט זיינע הענט מיין נפש צו באַרירן!

זיג-זאַגיש האָבן וועגן זיך געדרייט,
ס׳האָט לויטער האָריזאָנט נישט אויפגעהערט צו רופן;
מיר אונטערזאָגן: ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט,
אויב נאָר דו ווייסט די ערנסטקייט באַגריפן.

ערנסט צום פאָלק איך גיב זיך איבער,
ווי צו גאָט כ׳בין גרייט אים דינען, ליבן;
אויב דערנער אויף מיין וועג איך טרעף אָן ווידער,
וועל איך פון מיין שוועל זיי אָוועקקערן ווי מיסט און שטויבן!

דאָס בין איך

פאַר אַ נישט־איד מ'קען מיך נישט פאַרבײַטן —
נישט פון נאָענט און נישט פון ווייטן.

אויף מיין פּנים איז נישט אויסגעשפּרייט קיין בייז,
ווי ביי אַן אַרבעטער ווען מ'זאָגט אים אָפּ אַ „רעיז".

מיינע אויגן זיינען לויטער, מילד,
ווי אַ פרילינג־אויסגעמאָלט בילד.

מיין גאַנג — איילנדיק, ווי פון ווינט געטראָגן,
תמיד האָט מיין האַרץ עפּעס וואָס צו זאָגן...

ווען קאָמאַנדעוועט ס'האָבן אינגלעך אינעם חדר —
האָב איך אין איבערגענוצטע קליידער,

אַ באַלאָדענער, מיט שווערע פּעק,
האַלב־באָרוועס געמאָסטן ס'שטעטל פון עק צו עק

מיט ביר די פּריצים צו פאַרזאָגן —
ווי שיין געווען איז ס'שטעטל אין פרימאָרגן!

פון אַ בוידעם געקרייעט האָט אַ האָן;
פון האָריזאָנט האָט אַרויסגעשיינט די זון

און זיך אָפּגעשפּיגלט אין די שויבן
און פון דעכער געוואָרקעט האָבן טויבן.

ברוך־מאיר באָביק

א קעלבל האָט געמעקעט, און א קו האָט געמ־ו־ו־ט —
ס׳האָט פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט די שטאָט!

מיין טאַטע — ביז צום הימל זיך דערהויבן,
א שיינקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין גלויבן;

זיין רעכטער אויג געווען איז אויסגעלאָשן,
א גביר... — אָבער ממש אָן א גראָשן!

זיין שווארצע באָרד שיין אויסגעקעמט —
האָט פון קלויז ביז באָד גע׳שמ׳ט.

גערופן האָט מען אים ר׳ בערל שענקער —
איך וואָלט אים גערופן: גרויסער דענקער.

מרים־רייזל געהייסן האָט מיין מאַמע —
געווען איז זי א אידישע חכמה!...

ס׳האָט אויף איר קאָפּ דער זיידענער טוך
פאַר׳יום־טוב׳ט דאָס הויז־גערוך!

— מיינע קינדער, גאָטעניו, כאָטש נישט פרום, נאָר פיינע —
איז אַלעמאָל געווען איר טענה.

אַן אריסטאָקראַטקע — לויט נאַטירלעכן מאַניר —
האָט ווי די זון געשיינט פון איר יעדער ריר!

איך בין בלויז אַצינד אַביסל מיד

שוואַך די קראַפט וואָס דערלאַנגט אַ שטוים.
צי מיינט עס אַז די שפּיל איז אוים?
זיך שוין דערשלאָגן ביזן ראַנד
און טרעט אַריין אין קיין־מענטש לאַנד?

ניין, אָ, ניין! און צען מאָל ניין!
כ'האָב נאָך אַ לאַנגן וועג צו גיין.
נאָך נישט פאַרענדיקט איז מיין ליד —
איך בין בלויז אַצינד אַביסל מיד.

איך וועל זיך אָננעמען מיט פרישן כוח.
און כאָטש דער באַרג איז שפּיציק, הויך,
פראָסטיק קאַלט, אָן זון, אָן שטערן —
דאָך וועט מיין קול דערהערט נאָך ווערן!

כ'וועל אָנזאַפּן מיט פרישער לופט די לונגען,
זיך איינהערן ווי ס'האָבן ביאַליק און משה־לייב געזונגען;
און אַ באַנייטער קומען מיט מיין ליד —
איך בין בלויז אַצינד אַביסל מיד.

אויב איך מוז, וועל איך אויף בערג קריכן,
כ'וועל אַקערן, נישטערן און זוכן;
איך וועל בלויז אַרויסזיפּן דאָס גינגאָלד
און עס ברענגען אין מיין ליד מיט גוואַלט!

איך האָב נאָך נישט געזאָגט ס'לעצטע וואָרט.
און אויב מיין ליד איז נישט פון בעסטן סאָרט,
וועל איך ווי אַ דימענט־שלייפער שלייפן ס'ליד —
איך בין בלויז אַצינד אַביסל מיד.

ב ר ו ך ־ מ א י ר ב אָ ב י ק

איך דאַנק

ס׳איז יעדער טאָג איצט ווי געפינען,
איך דאַנק, וואָס כ׳בין ביים קלאָרן זינען;

פאַר מיינע הענט, וואָס זיינען געזונט און שטאַרק
און וואָס קיינער טרעט נישט אויף מיין קאַרק . . .

פאַר מיינע פיס, וואָס שפּאַנען און ווערן נישט מיד,
פאַר דער מעגלעכקייט צו שרייבן אַ ליד.

איך דאַנק פאַר מיינע אויגן, וואָס זעען קלאָר —
אַפילו די דינקייט פון אַ האָר.

און אין דער לויטערקייט — אַ מינדסטן פלעק —
ווי אַ וועק־זייגער איך טיק־טאַק און וועק

די אַלע וואָס ס׳באַפאַלט אַ שרעק
און מיינען אַז צו דער וועלט געקומען איז אַן עק.

ווי שווערע משא פאַלט צייט אַרויף אויף זיי,
ווי פון אַ דערשראָקענעם — דאָס מורא׳דיק געשריי.

פאַר צייט פאַרלאָרענער אין שאַפ און קלייט —
איז כל־זמן ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט

אַרויסברענגען וועל איך אַלץ אויף פּאַפּיר
וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין הארץ ביי מיר...

העי, איר אויסגעדינטע!

העי, איר אויסגעדינטע!

וואו איז דער שמייכל אין די אויגן?
צי ברענען דען אין פעלד די סטויגן?
צי נישט געראָטן איז אייך דער שניט —
אפשר שטיין געבליבן אין דער מיט

פון נישט דערגרייכטע טרוימען?
כ'האָב זיך אויך געריסן אין די רוימען.
מיינע שטרויכלונגען, ווי שטיינער שווער,
האָבן פיל מאָל אויף מיין אויג פאַרזייט אַ טרער.

אַלע גלוסטונגען און ראָזעווע פאַרלאַנגען
זיינען ווי שניי אין פרילינג-צייט צעגאַנגען.

כ'האָב מיינע טעג און וואָכן, ווי געלט פאַרלאָרן,
און גלייכצייטיק זיך געשוואָרן:
אַז ס'מוז קומען ווען אַ מזלדיקע שעה,
צו וויסן געבן, אַז כ'בין געקומען כ'בין דאָ!

איז טוט אָפּ דעם טרויער פון די אויגן —
עס ברענען נישט אין פעלד די סטויגן.
זאָל יעדער טאָג, וואָס איז ווי געפינען,
זיין אָנגעפילט מיט תוך און זינען!

ברוך־מאיר באָביק

כ׳האָב מיין וואָרט געשטעלט באַדינגען

כ׳האָב גערעדט מיטן וואָרט אַזוי:
אויב אָן טעם און טרוקן זיין ווי שטרוי,
און בלייאיק־שווער איבער וועלט זיך טראָגן,
גאָרנישט מיינען, גאָרנישט זאָגן —
פּאַסט נישט פאַר מיין קינד!

כ׳האָב מיין וואָרט געשטעלט באַדינגען:
תמיד נאָר פון הארצן זינגען;
אָפן זיין און נישט פאַרבאָרגן —
אַ שטראַל פון האָפענונג פאַרן מאָרגן —
דאָס פּאַסט גאָר פאַר מיין קינד!

כ׳האָב ביים וואָרט זיך ווי געבעטן:
אַ וואָרט איז נישט ווי אין גאָרטן קווייטן,
וואָס דאַרף בלויז אָנזעטיקן די אויגן;
אַ בלי טאָן, וויאַנען און שוין — פאַרפלויגן —
דאָס פּאַסט נישט פאַר מיין קינד!

כ׳האָב געזאָגט: אַ וואָרט דאַרף זיין פון צייט אַ סימן,
אַז דורות שפּעטערדיקע, וואָס וועלן קומען,
זאָלן פון זיינע אור־אַלטע עראָגליפן
קריגן ליכטיקע באַגריפן —
דאָס פּאַסט פאַר מיין קינד!

אַ טבע אַזאַ ביי אים

ר׳האָט אַ טוצן מאָל געגעבן שווין צו וויסן,
אַז ביינאַכט האָט אַ פּלוי אים שטאַרק צעביסן;
אַז אַ גאַנצן טאָג האָט אין הארצן אים גענאָגט,
און זיין בויך אויף הונגער האָט זיך געקלאָגט.

נעכטן האָט די זון, ווי פייער אים געברוט.
„אויך, בין איך מקנא פויגל, וואָס ער פליט!״
אַז די וועלט איז שלעכט, די מענטשהייט פאַרדאָרבן,
אים בלויז איינעם ברענגט מען פאַר אַ קרבן...

אַ סימן — ס׳האָט די שיינע מיידל אים פאַרראַטן,
אַ רוח אין איר טאַטנס טאַטן! —

טאַקע, ווי וואַגט דאָס אָט די שיינע פרוי,
אויף וועמען ער וויל קוקן גלאַט אַזוי,
אים רייצן מיט אירע ווייבלעכע גלידער,
ווען ער שווערט זיך טויזנט מאָל און ווידער,
אַז ס׳איז ריין אים זיין געדאַנק —
ער איז גלאַט נאָך ליבע אַביסל קראַנק...

אַ טבע איז ביי אים: די טשעריקעס אָפּדעקן,
אַרויסברענגען די באַצילן, וואָס צופּן און לעקן
זיינע בלוטיק-יוירנדיקע וואונדן —
זיצט ער, אַ פאַרלאָרענער, ביים ים אָפּ שטונדן.

הערט זיך איין אין כוואַליעס ריטמדיקע קלעפּ,
און דערמאָנט זיך אין די סקריפּנדיקע טרעפּ
וואָס פירן צו זיין אונטערבוידעמדיקער דירה
און פונסניי צעשפּילן זיך די סטרונעס אויף זיין לירע.

ברוך־מאיר באַביק

אַ, שיינקייט פון סעזאָנען!

לאָז מיך טרינקען פון דיין פרישקייט,
אַ, פרילינג שיין-צעבליטער!
לאָז, אַ פאַר׳חלומ׳טער, מיך בלאָנדזשען
אין רחבות פון דיינע גיטער!

זעטיקט מיך אָן, איר שיינע בלומען,
מיט אייער האָניקדיקן אַראָמאַט!
כ׳בין מיד פון ווינטערדיקע קעלטן —
פון שנייאיק-פראָסטיקן קלימאַט!

לאָז, פרילינג, אין דיין גרינקייט זיך פאַרלירן,
אַ, שיינקייט פון סעזאָנען!
אין מיין פרייד אויך שרעק כ׳הויב אָן שפירן,
ווייל נאָך בליאונג קומט דאָס וויאָנען.

געוויס האָט ווינטער אויך זיין פלאַן
פאַר קינדער וואָס קאַטשען זיך אין שניי,
ס׳איז קאַלטע שיינקייט אויך פאַראַן
אין שטורעם-ווינטיקן געדריי;

אין פראָסטיקן געמעל אויף שויבן
און אין שנייאיקן טישטעך, וואָס שפרייט זיך אויס
איבער מיין אָרעמען גאָרטן
און איבער מיין קליינינקער הויז.

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

אפילו זומער, ווען ס׳בראָט און ס׳ברענט,
און שטאָט איז שווייסיק ווי אַ שוויץ־באָד;
ס׳שלאָגט מיט היץ פון שטיין און ווענט —
מ׳באַוועגט זיך קוים, ווי אַ צעלאָמטע ראָד,

איז גוט אין קילן שאָטן פון צעגרינטע ביימער,
ביי ברעגעס פון צעכוואַליעטע טייכן,
אויף פריש־געקאָסעטע היי זיך לייגען,
לייענען, שמועסן און אויך לאַכן.

אין פרישע וואַסערן זיך טונקען,
אויף ווייסע זאַמדן זיך צעשפּרייטן;
באַוואונדערן די פילפאַרביקייט
פון זומער און זיינע קוויטן.

כאָטש שיינקייט יעדע צייט פאַרמאָגט,
איז דאָך מיר ליבער פרילינגדיקע לופט.
ווי אַ דורשטיקער איך טרינק
צעבליטן פרילינגס־דופט.

ברוך־מאיר באָביק

איך בין נישט קיין פּאַיאַץ

איך וויל נישט אָנטאָן אויף זיך קיין מאַסקע —
איך בין נישט קיין פּאַיאַץ;
וואָס איך וויל, און ווער איך בין —
דערלאַנג איך אויף דער טאַץ.

איך בין נישט פֿאַרבאָרגן, נישט פֿאַרשטעלט,
איך בין דורכזיכטיק, ווי קרישטאָל;
איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיטן היינט,
און זיך אָפּגעקנופּט פֿון דעם אַמאָל.

איך בוי מיין בריק פֿון היינט צום מאָרגן,
און נעם פֿונעם אַמאָל אַראָפּ אַ מאָס.
אפשר קען ער לינדערן די זאָרגן?
אפשר? אפשר? — ווער ווייסט וואָס? . . .

קודם פֿאַלט מיין בליק צו דער ערד,
דעם הימל — איך דערזע ערשט שפּעטער . . .
שוין ביים סאַמע ראַנד, ביים סאַמע סוף
כ׳הויב אָן בויען צו לבנה אַ לייטער.

דזשאָן פ. קענעדי

ווי לינקאָלן, אַ, גרויסער פּרעזידענט,
ביסט געפאַלן דורך אַ מערדערס הענט;
ווי לינקאָלן, דער שקלאַפן־באַפרייער —
אויך דו האָסט געגעבן דיין לעבן צושטייער.

דיין יונגער לעבן — קלוג, שיין און פריש,
ווי אַ יום־טוב׳דיק געדעקטער טיש,
האָט, ווי אַ קאָמעט, וואָס טראָגט זיך איבערן רוים
פאַרזייט אין הארץ ביי מיר אַ טרוים.

איצט וויטיקט מיר מיין הארץ און איך יאָמער,
איך שטיק זיך און וואָרג זיך מיט געוויין.
ס׳איז טרויעריק צו וויסן, אַז דו ביסט נישטאָ מער
אין פלייש, אין בלוט און אין געביין.

מיט זיכערקייט כ׳פלעג פאַלן אויף מיין קישן,
און רואיק זיך געשלאָפן דורך דער נאַכט.
דיין מאַיעסטעטיש אויסזען פלעגט אין מיר דערפרישן
מיין פיינטשאַפט צו ברוטאַלער מאַכט.

מיט דיין נאָמען האָט פרילינג זיך צעשיינט,
ס׳איז גרינג געווען צו לעבן און צו האָפן;
געבענטשט איז געווען יעדער טאָג, יעדער היינט
מיט געזאַנג, מיט פריילעכקייט און מיט שאַפן.

דער עלטער־יאָך האָט פלייצעם נישט געבויגן,
ווי אונטער שווערער, דריקנדיקער וואָג;
מיט זיכערקייט, מיט יום־טוב און מיט גלויבן
האָבן אַלטיטשקע באַגעגנט יעדן טאָג.

ברוך־מאיר באַביק

ס׳איז נישט געווען קיין בלינדער גלויבן,
ווי אַ חסיד אין זיין רבי׳ן;
ס׳האָט אַ זון אַריינגעשיינט דורך שויבן
און גרינג און לוסטיקער געמאַכט ס׳לעבן.

ס׳האָבן קינדערלעך, זוניקע צעבליט,
ווי בלומען אין פרילינגדיקן מײַ,
געהערט אַ צוזאָג אין דיינע טריט
און ווי פייגעלעך געשפּילט זיך אויף דער פרײַ.

איך האָב צאָרנדיק באַנומען דעם פאַרלוסט,
מיין ווייטיק איך שריי אוים דורך טרערן;
אין דיין אייביקייט איך גלויב, ווייל ס׳איז באַוואוסט:
אַז אייביק וועלן שיינען שטערן!

ס׳ווייטיקט מיר אין האַרצן און איך יאָמער,
איך שטיק זיך און איך וואַרג זיך מיט געוויין;
ס׳איז טרויעריק צו וויסן, אַז ביסט נישטאָ מער —
אין פלייש, אין בלוט און אין געביין!

ווי קען איך פאַרגעסן?

(געווידמעט די מעקלער פון „פאַרגיטיקונג״)

ווי קען איך פאַרגעסן, ווי קען איך פאַרגעבן
די מערדער, וואָס האָבן פאַר׳סמ׳ט מיר מיין לעבן?
וואָס האָבן מיין נאָמען צו שאַנד געמאַכט;
פון מיין בלוט און מיין ווייטיק געשפּעט און געלאַכט!

איך בין נישט מער ווי אַ מענטש פון פלייש און פון בלוט,
ווי קען איך היינט פאַלן ביז קושן די רוט,
וואָס האָט געשמיסן מיין לייב און געביין,
און געפייפט איבער מיין ביטער געוויין?!

ווילט איר ווי סוחרים זיך דינגען, פאַרהאַנדלען,
מיינע קרבנות אין סחורה פאַרוואַנדלען?
פאַר אַ טאַטן אַ טויטן — אַ דעמבענע ברעט,
פאַר אַ מאַמען — לייוונט אויף גרעט?

פאַר אַ צעשמעטערטן קעפּל פון אַ פּיצעלע קינד —
אַז וויסט און וויי און ווינד! —
איז שוין באַשטימט פון פריער דער מקח!
און נאָכדעם פאַרטרינקען מיט בראָנפן און לעקעך
לחיים צו דער שותפות דער נייער
מיט דעם וואָס האָט אונז געברענט אין אַ פייער!

ברוך־מאיר באָביק

דאָס וואָרקען פון די טויבן

מיט פרייד האָבן די צייטונגען געלאָזט וויסן, אַז פון
דער ניי־געשאַפענער דייטשער אַרמיי קומען אָן אַלס
געסט פון לאַנד 36 סאָלדאַטן.

מאָדנע איז געווען דאָס וואָרקען פון די טויבן:
דערפילט זיי האָבן, אַז אונטער כמאַרעס, דאָרט פון אויבן
ברוגז׳ן זיך און וויינען וויסטע די ווינטן,
ווייל דאָ אויף דער ערד, ביי אונז דאָ אונטן

גרייט מען זיך באַגעגענען מיט בלומען
די „מכה נאַפאַקאַז" וואָס דאַרף אָנקומען.
עס פאַרגייט אַ שעה, עס פאַרגייען צוויי —
ס׳פליען אָן גיגאַנטיש עראָפּלאַנען אין אַ ריי.

דאָס לופט-פעלד, ווי די ווינטן, האָט זיך געבייזערט און געוויגט;
נישט אַרויסגעוויזן קיין וואַרעמען ווילקאָמען.
דער עראָפּלאַן איז שטאַרקער און ער האָט געזיגט:
צו ברענגען „נאַפאַקאַז" פון נאַציטום דעם זאָמען!

איצט טרעט אויף מיין ערד — מיין אויסגעבענקטער ערד —
די, וואָס מיט פלאַם און שווערד
האָבן אומברחמנות׳דיק, סאַדיסטיש
מיין אידיש פאָלק פאַרוויסט עס!

ווי אַ גאַז אַ גיפטיקער — דער נאַצישער געשטאַנק
דרינגט אַריין אין מיר און מאַכט מיך קראַנק;
טרייבט מיך פון מיין אויסגעבעטער בעט
פון פרי ביז שפּעט.
לעב איך מיט ווייטיק און מיט צאָרן
און פאַר די אויגן — די היטלערישע יאָרן!

פאַלשע נביאים

כ'ווייס, אויך מיין שולד איז שווער און גרויס:
כ'האָב געוואוינט אין אַ וואַרעמער הויז,
אין ווייכער בעט געשמאַק געשלאָפן
און טויב געבליבן, ווען ס'האָבן גערופן
ברודער, שוועסטער און דאָס קליינע קינד.
זייער רוף פאַרטראָגן האָט דער ווינט
ווייט, ווייט פון אונזערע אויערן —
ווי אבלים מיר וועלן טרויערן!

אונזערע רעדער האָבן זיך קאַלטבלוטיק געדרייט,
נישט דערהערט דעם רוף: „ס'ווערט באַלד שוין שפּעט!"
פאַעטן האָבן לידער וועגן ים און שטערן געשריבן
און פון צייט צו צייט אַ קרעכץ געגעבן:
— ס'גיסט זיך, נעבעך, אידיש בלוט!
ס'איז רויט דער דניעפּער, ס'איז רויט דער פּרוט,
ס'ברענט באַרדיטשעוו, אין פלאַמען איז פּראָסקוראָוו...
וויסט און ווי דאָרט איז צו מיין קרוב!

אין מאַנטלען טייערע, פון זייד געשטריקטע אונטערוועש,
מיט בייטלען אָנגעפילט מיט „קעש"
האָט איר אוים רחמנות אויף באַנקעטן ווייַנען טייערע געטרונקען;
לעקעך אין שאַמפּאַניער געטונקען;
מיט קאַטשקעס פּעטע ס'האַרץ דערקוויקט,
און דעם ווייטן קרוב אַ דאָלאַר צוגעשיקט...

ברוך־מאיר באַביק

אַ דאָלאַר פאַר אַ שוועסטער אַ פאַרשעמטער,
אַ דאָלאַר פאַר אַ מומען אַ געליימטער,
אַ דאָלאַר פאַרן מרחץ — די קאַליקעס צו וואַשן זיך די קרעץ,
און שאַ, און שטיל, — צו אָרדענונג און געזעץ.

און שאַ, און שטיל, דער סוחר צו דער בירזשע,
און שאַ, און שטיל, דער קרעמער צו זיין קראָם;
און דער רב, פאַרגלאָצנדיק די אויגן:
— אַ גאָט־זאַך מן־הסתם! . . .
איך האָב געטראַכט איר האַסט דעם שונא,
איר זענט אויסן אים פאַרניכטן . . .
ווי און ווי און ווידער ווי —
מ׳גרייט זיך אים אויפריכטן!

איך האָב געדענקט: אייך קרענקט טרעבלינקע,
באַבי־יאַר וועט לאַנג אייך די אויגן שטעכן;
אַז אייביק וועט, ווי אַ ראַק, אייך מוטשען
דער היטלער־טייפלשער פאַרברעכן.

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

איך האָב געדענקט: איר וועט איבער גאַסן לויפן,
שרייען, וועקן, פון ווייטיק אַזש קריצן מיט די ציין.
אָבער איר, פאַרנומענע מיט פאַרקויף און קויפן,
האָט ווי טויבע נישט דערהערט ס'געוויין

פון קינדערלעך אויפגעהויבענע אויפן שווערד,
פון טאַטע-מאַמע לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דר'ערד;
פון משוגע-געוואָרענע אידישע ווייבער
מיט צעבלוטיקטע אַנטבלויזטע לייבער!

איר האָט נישט דערהערט, נישט דערזען
וואָס צו אַ העלפט פון אידישן פאָלק איז געשען:
ווי שטאָלץ באַשטריימלדיקע קעפּ,
און דער שיינער כלה'ס אויסגעקעמטע צעפּ,
און דער בויך פון גרעסטן אידישן גביר
האָבן זיך געוואַלגערט, ווי מיסט, אונטער ברענענדיקער טיר.

ברוך־מאיר באָביק

ס׳האָבן נאַצים אין מענטשן־געשטאַלט
געשענדעט, געמאָרדעט יונג און אַלט;
זויגלינגע אינאיינעם מיט מוטערס בריסט
האָבן זיך געוואַלגערט אויף הויפנס מיסט.
און הינט האָבן זיך די הערצער געקוויקט —
האָסט, גאָט, זיי מיט אַ שפע באַגליקט!

האָסט צוגעזען און האָסט געשוויגן
ווי זיי קוילענען קינדער אין די וויגן;
ביסט אויך אפילו רואיק געבליבן,
ווען מ׳האָט אידישע טעכטער צו שאַנדע געטריבן,
אין זייער לייב זיך גערויעט, ווי אַ חזיר אין בלאָטע —
איך צווייפל, אָ, גאָט, צי ביסטו אַ טאַטע! . . .

דאָרט, וואו ס׳האָט אידיש לעבן, ווי בלומען געבליט,
וואו הערשל — אַ שניידער, און יאַנקל — אַ שמיד,
און משה דער קרעמער פון דורות און דורות
האָט די געגנט פאַרזאָרגט מיט ניצלעכע סחורות;

וואו מ׳האָט אידיש גערעדט אין שטוב און אין גאַס,
וואו ס׳האָט אידיש געפלאָסן, ווי וואַסער פון פאַס;
וואו אידישע לידער פון ליבע און נויט
ס׳האָבן שניידער געזונגען ביים פלאַם פונעם קנויט.

וואו טאַטע־מאַמע האָבן קינדער אין חדר געפירט,
און אָרעמע אידן האָבן פרנסה געזוכט;
וואו ווייבער אויף שבת געהאַקט האָבן פיש,
מיט ווייַן און מיט חלות געגרייט דעם טיש.

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

וואו א ניגון אַ שטילער האָט זיך פון שולהויף געהערט,
און דער ווילן צו לעבן האָט זיך געמערט און געמערט —
איז, ווי אין פעלד אונטער דער קאָסע די זאַנגען,
ס'אידישע לעבן פאַרלאָשן, פאַרגאַנגען!

אין די אויערן נאָך עגבערן די טרעבלינקער געשרייען,
די ערד האָט נאָך ניט באַוויזן דאָס בלוט פון פאַרדייען;
ס'טליען נאָך אין אַש די פונקען פון דער שרפה,
די לופט האָט נאָך ניט אָפּגעפרישט ס'געשטאַנק פון מגפה!

די חורבות צעברענטע — ברוך און שטויב,
און טויטע עדות פון פּאָגראָם און רויב
נאָך שרעקן, ווי מצבות, אין שטילקייט פון נאַכט,
און נאַצים זיינען ווידער גרייט פאַר אַ נייער שלאַכט.

שטשירען מיט ציין, ווי בייזע, ווילדע הינט,
גרייט אויף וועלט זיך ווארפן, ווי אַ בייזער שטורעם־ווינט;
זיך איינבייסן, ווי אַ שלאַנג, אין ערשטן קרבן
און די וועלט מיט נאַצי־סם ווידער פאַרדארבן!

ברוך־מאיר באָביק

צופיל געזאָגט און דערמאָנט

„ווי' די רואיקע אין ציון, און די זיכערע אויפן
באַרג שומרון" (עמוס).
אידיש: פון יהואָש

אסור, צי כ'בין אויסן שמחות צעשטערן —
כ'וויל ס'זאָל פרייַלעך און ליכטיקער ווערן!
איך ליב צו קוקן אויף אַ פּנים וואָס לאַכט,
אויף אויגן וואָס שמייכלען און אַ מוח וואָס טראַכט.
איך האָב אַ לעבן אויף יום־טוב געבעטן,
געוואָלט הערצער און היימען מיט יום־טוב אָנזעטן.

אַ טראָפּעלע זונשיין אויף פאַררויכערטע שויבן —
ווי זאַנגען זאָל וואַקסן אין הארצן אַ גלויבן.
כ'ווייס, איך האָב צופיל געזאָגט און דערמאָנט . . .
וואָס קען איך טאָן? אַז ווי כ'הויב אויף מיין האַנט
צו שרייבן ווערן וואָלד, ווינט און סקריפּנדיקן שניי,
טוט זיך אַלץ, ווי אומיסטן אַ פאַרדריי,

און אויף מיין שרייבטיש פליען אָן, ווי הונגעריקע ראָבן,
בלייכע, ווי פון קבר אויסגעגראָבן,
מאָנענדיק, וויינענדיק און פרעגנדיק: „פאַרוואָס?"
פאָלק מיינס, ס'איז נישט ליב צו שטערן דיר דיין רו.
כ'וואָלט ליבער, ווי אַ נזיר, זיך באַהאַלטן ערגעץ־וואו

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

אין אַ הייל אַ שטיינערנער, אָן ליכט, אָן שיין —
דאָרטן כ׳וואָלט געהיילט זיך פון מיין פּיין.
דיין גלייכגילט איז אַ וואַקסנדיק געשוויר,
און קען בלויז ברענגען טויטקייט צו דיין דיר.

די שלאַנג האָט נאָך נישט אויסגעשפּיגן איר סם,
איז ווייט צו זיין אומשעדלעך ווי אַ לאַם . . .
אייל זיך נישט, מיין פאָלק, צו פאַרגעסן און פאַרגעבן,
כל־זמן ס׳איז ערגעץ־וואו אַ נאַצי נאָך פאַרבליבן !

ברוך־מאיר באָביק

דער קוילער איז שוין פֿריי פֿון חרם

פרייט זיך, פרייט זיך, טויטע אידן,
די לעבעדיקע — לעבן זיך אין פרידן.
מ׳האָט אויסגעווישט פון אויג די לעצטע טרער —
קיין זאַך זאָל די רו נישט שטערן מער.

ווי אַ פּרומער, וואָס זעט אין אַלץ פון גאָט אַ צייכן —
באַשלאָסן : סיי־ווי־סיי וועט מען גאָרנישט דערגרייכן ;
מ׳וועט די טויטע שוין לעבעדיק נישט מאַכן,
די דערשראָקענע וועלן פריילעך שוין נישט לאַכן.

אויף אידן־גאַס איז פרילינג נאָך אַ רעגן —
אַ יאַריד אויף אַלע וועגן.
עס שלאָגט מיט זעט פון טיר און טויער,
ווי פון פעלד־געררוך אַ פויער,
וואָס האָט ערשט פאַרענדיקט קאָסן היי.
ס׳אַ דינגעניש. פון בירזשע טראָגט זיך אַ געשריי —
פאַרטויבנדיק דעם ווינד־און־וויי —
ס׳אַ פאַלאַצן־געדרעטעניש,
קהל און גאָט פאַרטרעטעניש,
טעמפּלען — בעטאָנישע גיגאַנטן
באַצירט מיט גאָלד און ברילאַנטן,
וואַקסן, ווי נאָך אַ רעגן — שוואָמען —
איך, טויטע אידן, טוט מען אויך אַמאָל דערמאָנען! . . .

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

דאַמעס הויכברוסטיקע
מיט פּנים'ער לוסטיקע,
מיט בלומען און זיידנס אויף שויס,
האָבן גאַנץ ערנסט באַשלאָסן:
אויף גרויסשטאָטישע גאַסן
אייך שטעלן אַ דענקמאָל — פּיראַמידיק די גרויס.

פּוילט־זשע, פּוילט, און שפּייזט די ווערים,
דער קוילער איז שוין פריי פון חרם! . . .
מ'וואַשט אָפּ ס'בלוט פון זיינע הענט,
וואָס פריש נאָך ווי פליאַמעס אויף די ווענט

פון אייערע צערויבטע, צעשטויבטע היימען,
ווי הפקר־יונגען, וואָס הערן זיך אויף שעמען,
און ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ פרעכער —
שרייט מען איצט פון אַלע דעכער:

„וואָס געווען איז געווען" — ס'מוז ווערן פאַרגעסן,
ווי דאָס פאַרצוקטע שעפעלע, וואָס וואָלף האָט צעפרעסן! . . .

הערט זיך איין אין די בלויע פאַרטאָגן:
ס'בויערט דאָס אויער דאָס וויינען און קלאָגן,
וואָס טראָגט זיך פון באַרג צום טאָל אין דער נידער
פאַר אונזערע גע'הרג'עטע שוועסטער און ברידער!

קוקט זיך איין אין דער פינצטער פון נאַכט —
ס'דאַכט זיך דער טאַטע פון קבר דערוואַכט,
דערשראָקענע אויגן ער שטעלט אויף דיר אָן:
— „נעם נישט אַריין מיין קוילער אין קאָן!"

ברוך־מאיר באָביק

סעם פיי

פון רוישיקע גאַסן צום פּאַרק אויף אַ באַנק
איז סעם היינט געקומען מיט איינס אין געדאַנק:
צו זעטיקן ס׳אויג מיט בלומען און גראָז,
און ניסעלעך שפּייזן די דערשראָקענע האָז.

קערפּערלעך זעט אוים סעם פּיי
ווי ער וואָלט געשפּייזט זיך אויף פּיסנער טיי:
דאַר און טרוקן — אַ ביינערדיקער סקעלעט,
אָבער רעדן רעדט ער, ווי אַ פּראָפעט.

אין פּאַרק איז שיין, עס סוד׳ען זיך דיביימער
אויף אַ שפּראַך אַ בוימערשער, געהיימער.
נאָך לופט און זונשיין שטרעקן זיך די גראָזן —
פון האָדסאָן האָט אַ ווינטעלע געבלאָזן.

געשפּרונגען האָט אַ מיידעלע איבער אַ שטריקל;
איר הינטל סוזי האָט געיאָגט זיך נאָך אַ זשוקל,
וואָס האָט פון שרעק די פליגעלעך צעשפּרייט —
זיך ראַטעווען מיט זיי געגרייט.

יום־טוב׳דיק האָבן מענטשן זיך שפּאַצירט,
שמועסן היציקע און וויציקע געפירט;
פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט,
פון זייערע אויגן האָבן פונקען אַזש געברענט!

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

אַלץ האָט אויסגעזען פֿײַן און שיין,
גלייך ס'וואָלט קיין זאָרג גאָרנישט געווען.
אַפילו די כוואַליעס פֿון שײַנעם האָדסאָן
זײַנען שטיל געבליבן און אויפֿגעהערט זיך קלויצן.

אַ געשטאַלט, אַ רונדיקס, ווי אַ בירפֿאַס,
זײַן פֿליישיק פּנים איז שווייסיק נאַס;
ווי בײַ אַ שיכּור די נאָז איז אויפֿגעבלאָזן רויט —
אָ, שענק אים, גאָט, אַ גיכן טויט!

זײַנע נאַצישע רייד האָבן די רואיקייט צעשטערט.
ווי אַ דונער האָט זיך פּלוצים אַ פּליאַסק דערהערט;
ווי אַ צערייצטע חיה האָט אַ שפּרונג געטאָן סעם פּיי
און צע'מזיק'ט דאָס באַשעפֿעניש אויפֿן היי!

ס'האָט סעם פּיי געפּילט זיך ווי פֿאַרשעמט,
ס'האָט אין הארצן אים פֿאַרקלעמט;
ס'האָבן געציטערט זײַנע הענט,
געוואָרן רויט, ווי פֿון היץ געברענט.

ער האָט זיך געלאָזט מיט פֿאַמעלעכע טריט,
זיך אַרומגעקוקט, ווי פּאַר עפּעס זיך געהיט.
געלאָזט זיך לויפֿן איבער וועלטס מעטראָפּאָליע —
אַליין מיט זײַן באַליידיקטער דאָליע...

ב ר ו ך־מ א י ר ב אָ ב י ק

וואָס קריכסטו, תליון, אין מיין גאָרטן?

אַמעריקע האָט אויפגעעפנט אירע גרענעצן פאַר אַלע
סאָרטן פאַשיסטן.

איך האָב היינט געהערט
אַ חוזק׳דיק געלעכטער.
דאָס לאַכן — עזות׳דיק און פרעך,
ווי פון אַ בורדיעס מויל די ווערטער

אַזוי גראָב, זשלאָביק און פעטבייכיק
געקומען איז ער אויף מיין טיר;
אַ בעסטיע אין לאַקירטע שטיוול,
אין אַ מעדאַלן־באַהאָנגענעם מונדיר.

דער מעדאַלן־גלאַנץ — אַן אָנגעגליטע שפּיז
האָט מיינע מידע אויגן געשטאָכן;
גרויל און שרעק איז ווי אַ שאָטן
אויף גרויע ווענט געקראָכן.

די נאַצישע אָפּצאָסן־טריט
האָבן נאַכטיקע שטילקייט צעשטערט:
געוואַלדן, געוויינען, שרעקלעכע געשרייען
האָבן ווידעראַמאָל זיך דערהערט!

וואָס קריכסטו, תליון, אין מיין גאָרטן?
וואָס שרעקסטו מיך סיי טאָג, סיי נאַכט?
אָדער אפשר בלויז אַ בייזער חלום
און ס׳האָט זיך בלויז מיר אויסגעדאַכט!?

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

ווי וואָגט אַ קרעציקייט צו טרעטן
אויף אויסגעבענקטער, פרייער ערד?
ווי פּאַרט זיך מי און שווערע פּראַצע
מיט באַזינגער פון מאָרד און שווערד?

אָ, לאַנד מיינס, טייערס, ווי אַ מאַמע
האָסט מיך צוגעדריקט צום שויס;
געגעבן מיר אַ היים, אַ וואַרעמע,
ווען געפאַר געווען איז זייער גרויס!

איך האָב אונטער דיין בלויען הימל
ווי אַ גערטנער מיין האָפענונג פאַרזייט;
דורך יאָרן פרייילעכע און טריבע
זיך יום־טוב׳דיק צום שניט געגרייט . . .

ס׳האָבן זיך דורך ים און לופט צו דיין גרענעץ
באַליידיקטע, ווי שאָף געצויגן,
יעדנס ערלעכקייט און גוטן נאָמען
ווי אַ ריכטער האָסטו געמאָסטן און געוואויגן.

איצט איז אָפן דיין גרענעץ ווי אַ טויער
וואָס אַ בייזער ווינט האָט אויפגעפּראַלט,
און ברואים טראָגן זיך אַהער —
פאַשיסטן אין מענטשלעכן געשטאַלט.

ברוך־מאיר באָביק

מלאך־הגואל

ס׳האָט היינט אַ קינד זיך טרויעריק צעוויינט אין וויגל,
ווייל דער מלאך־הגואל האָט אויסגעשטרעקט זיינע פליגל,
ווי אַן אַדלער אַרויסגעלאָזט זיך פליען:
ראַטעווען, זיכערן — פאַר וועלט זיך מיען.

די פליגל האָבן פלאַטערדיק די לופט געשטויסן.
ביי דער מאַמען, וואָס וואוינט נאָך אין דרויסן,
אַ דערשראָקענע — אויפן פנים זיבן שראַמען
פון מעסער־שניט און נאַצישע פלאַמען,

האָט אין הארצן זיך ווידער געטאָן אַ ריס,
ווי גלייך אַ בין וואָלט איר געטאָן אַ ביס.
אויף דער קוליע דער פאַרקריפּלטער סאָלדאַט,
וואָס מוטשעט זיך צו שפּאַנען, ווי שיכור ר׳וואָלט געווען ווי לוט,

האָט אַ מידער אויף פאַרברענטער וואַנט זיך אָנגעשפּאַרט
און זיך מיט יאַשטשערקעס צעלאַכט . . .
די פליגל האָבן זיך האַסטיקער און שטורמישער געטראָגן
(מלאך־הגואל האָט געאײַלט: אַ בשורה אָנצוזאָגן)

האָט אין קבר דער האַלב־פאַרפוילטער זיך געטאָן אַ דריי
און אַרויסגעברומט: וויסט און ווײַ!
דער יונג־אַלטער זקן וואָס באַדעקט האָט אים מיט ווייסן צוויט,
האָט דערזען, אַז מלאך פליט,
איז בלאַסער נאָך געוואָרן זיין בלייך געזיכט,
און ווי פאַרשטיינערט זיך מער שוין נישט גערירט! . . .

וואַשינגטאָנ׳ס פּאָרטרעט

איך האָב פאַר שרעק פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט,
ווי גלייך אַ שד וואָלט מיין האַלדז געטאַפּט,
און אַ בייזע בין וואָלט מיין לייב געביסן,
און אַ בליץ — די אויגן אויפגעריסן.

מיין האַלדז געשטיקט האָט אַ כליפּען און געוויין,
אויף מיין האַרץ געפּרעסט האָט ווי אַ שווערער שטיין.
ס׳איז אין שלאָף ווי פייגל דורכגעפלויגן
מיין מאַמעס אויסגעהאַקטע אויגן,
מיין טאַטנס אויסגעפליקטע באָרד —
גופים „פרישע״ ערשט פון מאָרד!
אַ האַנט אַ בלוטיקע פון אַ היידאַמאַק
האָט אַראָפּגעלאָזט זיך ווי אַ האַק;
איר שאַרף האָט מיט טויט געטאָן אַ גלאַנץ,
איצט באַטאַפּ איך זיך — צי איך בין נאָך גאַנץ.

איך לעב! איך אָטעם! איך הער אין האַרץ דאָס קלאַפּן,
פון מיינע אויגן טרערן — גרויס ווי רעגן-טראָפּן
איבער מיין דערשראָקן פּנים רינען.
איז גוט כאָטש, וואָס איך בין ביים קלאָרן זינען.

באַבִּיק ברוך־מאיר

עס האָט אַ פייכטקייט איינגענעצט מיין גומען,
איך בין צוריק צו זיך פון שרעק געקומען,
ווען אויף דער וואַנט האָט וואַשינגטאָנס פּאָרטרעט,
וואָס הענגט אַנטקעגן פון מיין בעט,
האָט אַ בליק געטאָן מיט מילדע אויגן
ווי אַ מאַמע אויף איר קינד ביים זויגן . . .

איך האָב בּיסלעכווייז מיין הויז דערקענט,
די ביכער, בילדער אויף די ווענט.
און ס׳איז געוואָרן קלאָר מיר מיין געדאַנק:
אַז פאַר מיין לעבן קומט אַמעריקע — אַ דאַנק!

ר ע ב ע ק אַ

ס'איז אויף דיין פּנים
אַזאַ מין זיסקייט אויסגעלייגט,
אַז אַ פאַרבייגייער שטעלט זיך אָפּ און פרעגט:
— ווער איז די שיינע, בלאָנדע פרוי,
וואָס שיינט מיט לויטערקייט אַזוי,
ווי אין פרילינג־צייט די זון?

ס'איז אין דיינע אויגן
אַזאַ בליק אַ וואַרעמער פאַראַן,
אַז וואָס עס זאָל אַ מענטש נישט טאָן,
קוים האָט זיין ליִב דערשפּירט דיין בליק
איז גלייך ווי ס'האָט אַ פונק פון גליק
אויף זיין וועג געטראָפן.

אויף דיינע תמיד־רונדע בריסט
אַזאַ צאַרטער, פרישער טרוים —
גרינע שיינקייט פון אַ בוים.
ווער ס'דענם אויג ס'האָט זיי באַגעגנט,
האָט אין זיין לעבן גליק געזעגנט
פאַר אַ לאַנגער צייט.

אויף דיין שיינעם, שטאָלצן שטעל
איז אויסגעשפּרייט אַ ליבער חן,
און אַלץ וואָס איז אין לעבן שיין;
ליבע, אמת, גוטע זיטן
וועלן דיינע וועגן היטן
ס'זאָל קיין שלעכטס דיר נישט געשען —
אָמן!

ברוך־מאיר באָביק

דער זין פון לעבן

אויב ס׳לעבן האָט בכלל אַ זינען —
האָב איך לאַנג אים שוין געפונען;
נאָך אין דער גליקלעכער מינוט
ווען ס׳האָט געסטייעט מיר דער מוט
צו זאָגן: — טייערע, איך ליב דיך שטאַרק!

אויב ערלעכע ליבע איז פון לעבן דער זינען —
האָב איך פון לאַנג שוין, פון לאַנג אים געפונען
טאַקע אין יענעם שיינעם פאַרנאַכט,
ווען איך האָב מיט אומגעדולט געוואַרט
צו הערן: — טייערער, איך ליב דיך שטאַרק!

— כאָטש דאָס לעבן איז טיילמאָל אַ מאַרק
סוחריש, אָן צוויט און אָן בלומען,
וואַרט איך אויף דער שעה אַהיימצוקומען,
דיך טרעפן אויף דער שוועל פון טיר
זיך אויסקוקנדיק די אויגן אויף מיר.

נישט וויין, נישט וויין!

איך האָב אויף דיין אויג באַמערקט אַ טרער,
וויין נישט — איך בעט דיך — דו ווייסט ווי שווער,
ווי אומעטיק עס ווערט מיר דאָס געמיט,
ווען אויף דיין פּנים, גאָט באַהיט,
באַווייזט זיך אַ סימן פון געוויין.

ווען אַמאָל צום ראַנד איך ווער געשטופּן,
דער אָרום איז קאַלט... ס'איז אייז דער דרויסן...
און אין האַרצן נאָגט — עס בענקט און בענקט,
בעט איך: זאָלסט אויף אייביק מיר זיין געשענקט,
און זיין אויסגעהיט פון געוויין.

וויין נישט, וויין נישט — ווישׁ אוים די טרער,
ס'איז אונזער לעבן נישט פּוסט, נישט לער!
אַזוי פיל דערנער בייגעקומען —
דורך וואַסערן שטורמישע געשוואומען —
איז ווער וויל הערן נאָך געוויין?!

ס'האָט פיל מאָל אונז אויך די זון געשיינט,
ס'לייכט און לויטער אויך דער היינט.
מאָרגן? — מאָרגן וועט נאָך בעסער זיין,
עס קומט אַ מאָרגן אָן וויי, אָן פּיין —
צו וואָס-זשע דיין געוויין?

זע, ס'צעגייט דאָס אייז שוין און דער שניי,
און ווי שיין ס'האָט צעשפּראָצט זיך אונזער פּאַרזיי!
איז לאָמיר אינאיינעם — איך און דו —
זיך עלטערן אין יום-טוב און אין רו,
און נישט ווייסן מער שוין פון געוויין —
אָמן!

ברוך־מאיר באַביק

די יוגנט געפונען

קומט אויפֿן זינען אַרויף מיר דיין נאָמען,
שיקט מיין מויל אַרויס אַ ברכה
און מיין האַרץ אַ הייס געבעט:
קיינמאָל, קיינמאָל, אָ, מיין ליבסטע,
זאָל איך זיין פון דיר געשיידט!

קומט אויפֿן זינען אַרויף מיר דיין נאָמען,
איז ווי רויך סטייען נישט די וואָלקנס,
און דאָס לעבן ווערט מיר גרינג;
ווי אַ זינגפויגל אין וואַלד
נאָך דיר איך בענק און זינג.

מעג איך זיך יאָגן איבער רוישיקע גאַסן,
צי אַ מידער זיך שלעפּן אין אונטערערדישער באַן —
קומט מיר דיין נאָמען אַרויף אויפֿן זינען,
איז גלייך פונדאַסניי כ׳וואָלט מיין יוגנט געפונען...

ס׳ווערן לויטערער די אויגן, קרעפטיקער די הענט,
מיין טראָט ווערט גרינג ווי פון ווינט געטראָגן,
אַזוי פיל איך ווען דו קומסט מיר אויפֿן זינען —
איך האָב מיין יוגנט פונדאַסניי געפונען!

וואָס ווייסט אַ קלייט פון מידע גלידער?

ס׳איז היינט מיין טאָג־אַרבעט געפאַלן אויף מיר שווער,
ווי ביי אַ טויבן, וואָס שטרענגט אָן זיין געהער
ווען מ׳רעדט צו אים און נישט מ׳שרייט.
טוט מיר באַנג טאָקע אויף דער צייט,
אויף אַלע פינצטערע און ליכטיקע קאַיאָרן
וואָס האָבן איינגעקריצט זיך אין מיין זכרון

ווי אותיות אויף אַ שטיינערנער מצבה.
אַזוי איז שוין מיין קרעמערישע טבע:

זיך אויפכאַפּן נאָך איידער ס׳הויבט אָן טאָגן
צו דער מוזיק פון מילכמאַנס פערד און וואָגן
וואָס ווערט אויסגעשפּילט אויף שטאָטישן אַספאַלט
נאָך איידער ס׳האָט די זון אין מזרח אויפגעשטראַלט.

יעדעס מאָל דער ערשטער דעם דרויסן צו באַגריסן —
מעג דער רעגן אפילו מיט צעבערס גיסן.
דער ווינט מעג וואָיען, ווי אַ הונט אויף קייט,
מוז איך פּינקטלעך פינף עפענען די קלייט

און זיך איינשפּאַנען אין קרעמערשן געשלעפּ.
אַ מידקייט גלייך איך וואָלט קלעטערן אויף טרעפּ
האָט זיך לעצטנס אין מיין קערפּער אויסגעשפּרייט.
אָבער וואָס וויל פון קרעמערס מידקייט וויסן דען די קלייט?
וואָס ווייסט אַ קלייט פון מידע גלידער? —
שלעפּ־זשע, קרעמער, און אַרבעט ווידער!

ברוך־מאיר באָביק

אַ טאָג פאַר זיך

היינט וועט מיך קיין זאַך נישט אַרן,
זאָלן אַנדערע „גאָלד" היינט שאַרן;
מוחל, מוחל קרעמערס גליקן,
אונטער קאָלדרע כ'וועל זיך פאַררוקן.

שלאָפן רואיק ביז נײַן אַזייגער —
נישט ביז פינף, ווי ס'איז מיין שטייגער;
זאָל אַ שלאָס אויף קלייט היינט הענגען,
כ'וויל אין הויז ביי מיר פאַרברענגען.

עסן וויל איך ביי אַ געדעקטן טיש,
זיך פילן אויסגערוט און פריש;
איין טאָג נישט שלעפּן קאַסטנס מילך
שוין פאַר יאָרן, יאָרן וויל איך.

כ'וועל לייענען אַ אידיש ביכל,
זיך אויך פאַרגינען אַ היימיש קיכל,
און מיט הנאה עס צעקייען,
ס'זאָל גרינג זיין צו פאַרדייען.

נישט וואַרגן זיך מיט יעדן שלונג,
ווייל ס'גלעקל האָט געטאָן אַ קלונג;
כ'וועל אין שטעק־שיך זיך באַוועגן
מיט פרייד דעם טאָג גיין אַנטקעגן.

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

אויב די זון וועט לאָזן גריסן
און ס׳וועט אַ רעגן אפילו גיסן,
וועט יום־טוב זיין ביי מיר אין הויז
ווי שמחת תורה אין אַ קלויז.

און אויב ס׳וועט אַ גאַסט היינט קומען,
וועל איך פריינטלעך אים אויפנעמען;
ווייל יאָרן, יאָרן כ׳זע בלויז אַ קונה —
נישט קיין פריינט, און נישט קיין שונא...

ברוך־מאיר באָביק

אַ טאָג פון מיינע טעג

זייט נישט מקנא דעם גורל פון אַ קרעמער,
נישטאָ אַ זאַך וואָס זאָל אים מאַכן באַקוועמער,
אַז איינגעטיילט דער טאָג איז בלויז אין שטונדן,
און הונגעריק און בייז באַוועגן זיך די קונדן.

שלעפּ איך פּיס, ווי קלעצער שווער,
אַ נישט־דערשלאָפענער איך קלער.
מ׳זאָגט: „דער קלונג פון קעסטל איז טעם גן־עדן"
אָבער נישט פאַר יעדן.

פאַראַן אין לעבן אויך אַן אַנדער ווערט
מיט וואָס אַ מענטש מוז זיין גענערט;
אַ וואַסער־קוואַל בלייבט אויבעט שטיל —
איך יאָג און יאָג, און וואָס איך וויל:

אַ שעה אַ רואיקע צום טראַכטן,
אַ שטראַל אַ זוניקער זאָל לייכטן;
אויף מיין לייב אַ בלאָז פון פרישן ווינטל,
ווי אַ הויקער געבויגן איבערן בינטל.

כ׳סאָרטיר רויט־פּיסקלדיקע עפּל,
אָט מעסט איך מילך שוין אין טעפּל;
אָט שנייד איך פּאַסן געלן קעז,
און פלינק איך דערלאַנג דעם „מייאָנעז".

אין דעם גרויסן טאַראַראַם
קריכט אין קאָפּ מיר גאָר אַ גראַם;
שטעלט אַ בילד זיך פּאַפּערעק —
שרייב איך ווידער און איך מעק.

זיך צוגעהערט צום קאַרשנבוים

איך האָב זיך צוגעהערט צום קאַרשנבוים
און זיך געלאָזט פון אים פאַרפירן,
כ׳האָב זיך אויסגעפּוצט אין לבנה־שיין
און אין רעגנבויגן קאָלירן.

אויפגעהערט גיין אויף שוואַרצער ערד,
בלויז זילבער־שטערן און הימלבלוי;
בלויז ליליעס פון די טאָלן —
גע׳טובל׳טע אין מאָרגנטוי.

איך האָב אויפגעכאַפּט די דינסטע טענער,
און צום קרעכץ ווי טויב געבליבן;
אַ פאַרבענקטער, אַ פאַרטראַכטער
אויף די וואָלקנס זיך פאַרקליבן.

אוי, ווי קאַלט ס׳איז אין די הויכן,
פראָסט נעמט דורך לייב און ביינער.
העלף מיר גיכער צו דערגרייכן
די שוואַרצע ערד מיט אירע שטיינער.

ברוך־מאיר באַביק

דער אידיש־טאָן מוז קלינגען אין אָרקעסטער!

אַסור צי ס׳האָט עמיצן פאַרשאַדט
זיך אויסגיסן ס׳הארץ פאַר גאָט
אויפן לשון פון זיין טאַטן —
אַסור אויב ס׳קען עמיצן פאַרשאַטן!

וואו איז דאָ די גרויסע זינד
צו לערנען אידיש מיטן קינד?
זאָל ער וויסן פון וואַנען מיר שטאַמען,
אַז מיר האָבן פאַרט אַמאָל געהאַט אַ מאַמען,

וואָס פלעג איינשלעפערן מיט אידיש ליד
און מעשה׳לעך דערציילט פון אַ „גוטן איד״.
אידיש האָט מען גערעדט אין שטוב און אין גאַס
פליסיק — ווי וואַסער פון אַ פאַס.

אויף באַריקאַדן האָבן רעוואָלטירנדיקע יונגען
אויכעט אידישע לידער געזונגען;
פאַר פרייהייט און ליבע אויף אידיש געטרוימט —
הערט זיך איין און שטוינט:

חיים, מיין ברודער, יוסל — שוועסטערקינד,
האָבן אידיש־ירושה געלאָזט אויפן ווינט.
מ׳זאָגט מיר ווערטער קאַלט ווי אַ שטיין,
מיינע ברידער האָבן אויפגעהערט אידיש פאַרשטיין.

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

פּרצ'ן לייענען אויף פרעמדע שפּראַכן
און שלום עליכם אויף עספּעראַנטאָ לאַכן!...
איז דאָס שטות, צי בלוטיקער קאַטאָוועס,
אַז אַ פאָלק זאָל זיך אָפּרייסן פון זיינע אָבות?!

איז ווי קען אַ בוים אָן וואָרצלען בליען?
ווי קען אַ פויגל אָן פליגל פליען?

הירש לעקערט איז נישט געווען אַ שטיין אין וועג
בעת די בלוטיקע, שטרייטנדיקע טעג...
ר'האָט מיט אידיש וואָרט און ליד ווי אַ העלד
רויט געמאַכט מיט זיין בלוט ס'פעלד

פאַרן מאָרגן — פאַר אַ טאָג אַ העלן...
אידיש מיינט נישט אָפּגענוצטע קרעלן,
וואָס פאַרלירט דעם בליאַסק, ווערט אָן דעם גלאַנץ.
אידיש איז אייביק! ס'איז טרערן, מוזיק, אויבעט טאַנץ!

און זאָל צווישן בלומען די אידישע רויז
באַשיינען יעדער אידיש הויז!
זאָל דער אידישער טאָן קלינגען אין אָרקעסטער,
אויב אַלע זיינען ברידער און שוועסטער...

ברוך־מאיר באָביק

אַ שמועס מיט משה־לייבן

פונקט ווי ס׳פרייט מיך שלום־עליכמס וואַרעמער געלעכטער,
אַזוי קרענקען מיך, משה־לייב, דיינע גראָבע ווערטער.
זיי מיר מוחל, אָ, גרויסער משה־לייב,
איך באַוואונדער דיין רעוועגן ווי אַ לייב,

ווען ער דערפילט הונגער אין די ביינער.
אָבער פאַרוואָס די אמתע דימענט־שטיינער
איינפּאַסן אין אַזויפיל קויט?
פאַרוואָס דעם גאַנצן קרעץ צעשמירן אויף דער הויט?

נישט גאָט, נישט מענטש און אפילו די נאַטור
זיינען קיינמאָל נישט געווען צו דיר אַ פּאָר;
האָסט מיט קיינעם קיין שלום נישט געשלאָסן,
געלעבט בלויז מיט קריוודעס און פאַרדראָסן.

געוויס, ס׳האָבן קיין רויזן זיך געשפּרייט אויף דיינע וועגן
בלויז שווערקייטן, ווי מילשטיינער, געקומען דיך אַנטקעגן.
אָ, ליבער משה־לייב, דיין דיכטערישער ווילקיר
רופט אַרויס פאַרדראָס אין מיר.

האָסט געצילט דיינע שאַרף־סמ׳יקע שפּיזן
אין אויסגעדיכטעטע שלאַנגען־ריזן;
דיינע פּרעטענזיעס — גלאַט זיך דראַפּען אויף די ווענט —
ווער האָט געפּענטעט דיר די הענט

זיך אַ נייע וועלט באַשאַפן,
אָן פאַלשקייט, חניפה און אָן שקלאַפן?
האָסט דיין גרימצאָרן געדאַרפט אָפּשפּאָרן
פאַר די היטלערישע יאָרן.

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

דיין „טרויער וואָס ווי פייער ברענט״
האָט זיך נאָך גהינום׳דיקער צעגליט;
אפילו די קאָשמאַר-בילדער פון דיין „אַ נאַכט״
האָבן צו מאַידאַנעק און טרעבלינקע זיך נישט דערטראַכט.

פון דיין וועלט דער סדום׳ישער
ביז דער איצט-אַטאָמישער
איז פינצטערער געוואָרן,
און נישטאָ קיין ביאַליק צו אויסגיסן דעם צאָרן.

ס׳פעלט דיין לעסטערן און שעלטן,
וואָס זאָל אויפוועקן פון הינערפלעט די וועלטן.
ס׳הערט זיך בלויז אַ מורמלען, אַ הייזעריק געשריי,
ווי דאָס גיין אין זאָקן אויף אויסגעבעטעטער היי.

קאָלטבלוטיק מ׳גראַמט „מירע״ מיט „לירע״
ווען אין פלאַמען איז די גאַנצע דירה;
„אַ פאָרשטעלונג דאַרף מען באַוויזן געשווינדער״ —
באַלד ווי דאָס מעסער האָט פאַרשניטן 130 קינדער!

מ׳שטעלט אויף „זילבערנע זילבן״ דעם טראָפּ,
ווען מיט אַ דובינע דער שונא קלאַפּט איבערן קאָפּ.
ס׳איז ניט גוט צו זינגען ס׳געזאַנג פון סאָלאָוויי,
ווען אַלץ אין דיר טוט מורא׳דיק וויי.

ברוך־מאיר באָביק

קען אַ ליד אים פאַרווײַלן ?

נייע פאָרמען, נייע ווערטער,
האָבן דורכגעבראָכן נייע וועגן.
וואויל איז דעם וואָס אים באַשערט ער
אַזאַ רייכטום, אַזאַ פאַרמעגן.

נייע ריטמען, פונקען־פּלאַטער —
אין אַ פינצטערניש אויף מיליאָנען מיילן
לעבט קיינמאָל אַ מענטש אַ זאַטער.
צי קען אַ ליד אים דען פאַרווײַלן ?

נייע פאַרבן, גינגאָלד־קאָלירן —
שיר־השירים׳דיק געזאַנג,
ברעכן זיך דורך קינסטלערס טירן
אויף אַן האָפנונגסלאָזן גאַנג ;
אויף מיליאָנען חושכ׳דיקע מיילן
דעם הונגער מיט אַ ליד פאַרווײַלן.

ס׳איז גוט וואָס מאָרגן איז אַ יום־טוב

ס׳איז גוט וואָס מאָרגן איז אַ יום־טוב
און אין אַ פרייטיק נאָך דערצו ;
איך וועל זיך לאָזן אויף גאַסן בלאָנדזשען —
איך וויים אַליין נאָך נישט אַוואו.

די זון געווים וועט מאָרגן שיינען,
דער הימל וועט זיין הימלבלוי ;
איבער גאַסן כ׳וועל שפּאַצירן,
אָט אַזוי זיך, גלאַט אַזוי.

איך וועל זיך אָפּשטעלן ביי אַ בוים אַ צעגרינטן,
ביי אַ רוישנדיק ריטשקעלע אַ פריש ;
אויפן פנים דעם צעפלאַמטן
דערפילן פון ווינטעלע אַ קוש

איז גוט וואָס מאָרגן איז שוין פרייטיק,
דער טאָג וועט זיכער לויטער זיין ;
אַרום מיין הויז וואו אַלץ איז צייטיק
איך וועל זיך הילן אין לבנה־שיין.

ברוך־מאיר באָביק

די שיימע

ס׳ברענט דאָס פאָלק און ער טאַנצט מיט דער שיימע
וואָס פון פלאָם אַרויסגעשלעפּט — אַ, כשר׳ע בהמה!
די משה׳לעך און שלמה׳לעך און שרה׳לעך אין רויטן סאַראַפאַנטשיק,
דעם דערשראָקענעם רבין אין האַנט נאָך מיטן קאַנטשיק —
זיי איז נישט באַשערט דער שיימעס גליק,
זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט קומען צוריק!
זיי וועלן נישט זען ווי די פעלדער עס בליִען,
ווי ס׳קומען די פייגל אין פרילינג צופליִען.

איך בין מיד „משה׳לעך און שלמה׳לעך
פון אונטער די גרינינקע ביימעלעך״
פירן אין בין־השמשות׳דיקן דעמער,
ווי אַ קצב זיינע לעמער
אויף די היטלער־עשאַפאָטן;
זאָל ווי אַ וואָרעם אונטער פיס ווערן צעטראָטן
די אַלע וואָס טאַנצן מיט די שיימעס
און זיינען מקריב די משה׳ס און שלמה׳ס!

פּרילינג אין מאַנהעטן

אוי, ווי גוט וואָס ווינטער איז שוין אַריבער
מיט זיינע שנייען, ווינטן פרעסט ;
ס'איז גוט וואָס וואָרעם איז שוין ווידער,
און פויגל בויט שוין זיין פרילינג-נעסט.

אין שיינעם גאָרטן פון קאַטעדראַל
האָבן ווידער זיך צעבליט די ביימלעך ;
ס'איז די לופט נאָך קיל דערוויל,
אָבער פריינטלעכער און היימלעך.

די וואָלוואָרטס, קרייסלער און די עמפּייער *)
האָבן פון זיך אָפּגעטרייסלט דאָס געפריר ;
סענטראַל-פּאַרק און ריווערסייד
האָבן אויסגעפּוצט זיך אין גרין קאָליר.

ס'איז געדיכט נאָך, שוואַרץ דער האָדסאָן,
זיינע ווינטן, בייסנדיק, נאָך רוישן ;
די פּאַליסיידס, ווי בעלמיעס, גלאָצן,
און קאַטשקעס מיט קוואַ-קוואַ זיך טוישן.

ס'מוז די זון נאָך פירן קריג
מיט נעפּלען — ווינטער האַרבן —
אָבער זון איז זיכער מיט זיג
און מאָלט די וועלט מיט זוניקע פאַרבן.

---

*) די העכסטע, געביידעס אין ניו־יאָרק.

ברוך־מאיר באָביק

ס׳האָבן אויפגעלעבט טייכיקע ברעגן,
פּאַרק־אַלייען ווידער פּיס־טריט פילן;
מיט געזאַנג די פרילינגדיקע וועגן
צו אָרענאַם פירן — בייזבאָל שפּילן.

שטאָט שיילט אָפּ די ווינטער־הויט:
די גראָבע מאַנטלען, די שווערע שיך;
און די וואָס שרעקן זיך פאַרן טויט
דערפילן פריש־לעבן ווידער אין זיך.

און ווידער הויבן אָן צו גלויבן,
שטרעבן, רייסן זיך און גלוסטן
צוויטעלעך, שיינענדיק, ווי אויגן
בלישטשען פון צעגרינטע קוסטן.

די בענק אין פּאַרק אַ תּפילה בעטן
צו דערפילן ווידער מענטש׳ם באַריר;
און די שטאָליק־שטיינערנע מאַנהעטן
האָט פאַר פרילינג־גאַסט געעפנט טיר.

צום שטאָט־גאָרטן

גאָרטן טייערער, וואָס פאַלט דיר איין צו טראַכטן?
ווי דו, אויך איך, בענק נאָך די פאַרנאַכטן,
ווען אָן פּחד, פריי אויף דיינע בענק,
ווי אַ טרינקער, היימישלעך אין שענק,
בין געקומען מיין ביסל רו זוכן.

ווען אַ רעגן אָנגעהויבן האָט צו פליוכען,
און אַ פינצטערניש האָט איינגעהילט די אַלייען,
האָט מיין געדאַנק און איך — אין צווייען
געבליבן זיצן אונטערן בוים
און נאַסערהייט געקלעפּט צום טרוים . . .

ווער זוכט עס פלעקן אויף דיר, ווער?
אַז דאָס געזאַנג פון דיינע פייגעלעך איך הער;
און ווען דיין גראָז הויבט אָן צו גרינען
און אויף דיינע בלומען — זשומען בינען,
פאַרדריסט מיך און ס׳קרענקט:

ס׳האָט גאָט אַ שיינקייט אונז געשענקט,
צו לעבן, לערנען און צו וויסן . . .
פון דיין גרינקייט, גאָרטן, צו געניסן!
ווען טייכל כוואַליעס פלעגן פאַרוויגן,
איז גוט געווען אויף דיין גראָז צו ליגן
און בענקען אין די בלויע ווייטן,
ווייל געווען זיינען אַנדערע די צייטן.

ס׳האָבן נישט געבליצט די שאַרפקייטן פון מעסער,
נישט פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער טויזנט שלעסער;
מען האָט זיך צוגעקוקט אַ גאַנצע נאַכט
ווי בלאָס געווען איז די לבנה און פאַרטראַכט.

ברוך־מאיר באָביק

גאַסן פון מיין שטאָט

ווי לעבעדיקע וועזנס, אַזוי אויך גאַסן
איז נישט באַשערט דאָס זעלבע גליק;
אייניקע — געצירט מיט גערטנער און טעראַסן,
און אייניקע — פאַר וועש צו הענגען — שטריק.

איינע — זויבערדיקע ריינקייט, צו אָנטאַפּן און פילן,
ביימער לענגאויס טראָטוארן פאַרפלאַנצט;
קינדערלעך געוואַשענע מיט שפּילעכלעך זיך שפּילן,
שפּרינגענדיק און זינגענדיק — מ׳טאַנצט.

גאַס מיט גאַס איז דאָך נישט גלייך,
פונקט ווי ס׳איז אַנדערש שטוב פון שטוב;
איינע שפּיגלט זיך אין זילבער־טייך,
און איינע פינצטערט ווי אין אַ גרוב.

אָ, איר גאַסן פון מיין שטאָט! —
איר זענט מיר ליב געווען ווי היים;
די מיט פאַרקנס פון שטאָל און דראָט,
אויך די מיט שטיבלעך פון שטרוי און ליים.

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

די מיט שוואַרצהויטיקע באַוואוינטע,
און — באַוואוינטע מיט אַ געלערן קאָליר ;
אויך די מיט פּנים׳ער פון זון פאַרברווינטע —
פלעגן אַלע שמייכלען ליב צו מיר.

אַ זיכערער כ׳פלעג שפּאַנען איבער גאַסן, מיינע היימען,
אין אַלע שטונדן סיי טאָג, סיי נאַכט ;
קיינמאָל נישט געטראַכט מיט פּחד פאַר וועמען —
אפילו אין געדיכטער פינצטערניש פון נאַכט.

מוטיק איבער גאַסן כ׳פלעג זיך יאָגן,
אָן אויפגעלייגטער ביז שפּעטער שעה ;
ס׳איז גוט געווען אין אייערע רואיקע פאַרטאָגן
צו לאָזן וויסן, אַ וואַכיקער, אַז איך בין דאָ.

גרייט אויפנעמען דעם שטאָטישן געפילדער,
דאָס טראַסקען פון באַנען, דעם רויש פון עראָפּלאַנען ;
כ׳פלעג אין איילעניש זיך טראָגן ווי אַ ווילדער,
כ׳זאָל דעם „עפּעס״ נישט פאַרזאַמען.

ברוך־מאיר באַביק

איצט גאַסן, מיינע היימען, גאַסן פון מיין שטאָט,
אין אַ דזשאָנגל זענט איר מגולגל געוואָרן;
ס'הערשט ביי אייך דער חיה'שער געבאָט:
דעם קרבן איר צערייסט מיט ציין און האָרן!

מעסערס שאַרפע שטעכט מען אין לעבעדיקע לייבער,
נאַכט־טייוואָלים, שוואַרצע שאָטנס ווי ווערים פויזען;
פאַלן אָן ווי וועלף אויף אומבאַשיצטע ווייבער,
שענדן זיי אין גאַסן, אין קלויסטערס און אין קלויזן...

איז צו וועמען זאָל איך שרייען, ווענדן מיין גוואַלד?
אָ, איר שרעקנדיקע גאַסן פון מיין שטאָט;
ווער האָט אייך פאַרוואַנדלט אין אַן אור־וואַלד,
און הפקר מיך פאַרלאָזט אויף גאָטס בעראָט?!

ערב פרילינג

עס מאַכט נישט אויס, וואָס ס'האָט היינט אַ ווינט געבלאָזן —
אין גאָרטן גרינען שוין די גראָזן.
עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער הימל איז פאַרוואָלקנט, גרוי —
אויף פעלדער שפּרייט זיך שוין דער פרישער טוי,
וואָס נערט און פרישט ווי אַ מילדער רעגן.
איז וואָס, אַז פאַרקויטיקט זיינען די וועגן
מיט הרודעס אייז און פאַרשטויבטן שניי?
אַ שטראַל פון זון — און וואָס בלייבט פון זיי?

עס מאַכט נישט אויס, וואָס וואָיעווען ווילד וויל ווינטער נאָך
און קלעפּט צום ליב, ווי צו קאָרע — מאָך.
עס מאַכט נישט אויס, וואָס פריער פראָסט פרירט פענצטער־שויבן —
אויף דעכער וואָרקען שוין די טויבן,
אויף גאַסן קינדערלעך שוין שפּרינגען,
אויף ביימער פייגעלעך שוין זינגען.
איז וואָס, אַז אויף וועגן קויטיקט אייז און שניי?
אַ שטראַל פון זון — און וואָס בלייבט פון זיי?

ברוך־מאיר באָביק

מיין פלאַנץ וועט וואַקסן ווי אַ רויז

איך זאָג זיך אָפּ דעם קאָפּ צו בויגן,
ווי אונטער שווערער וואָג — אַ זאַנג ;
אויב קומסט מיט גוטסקייט נישט אַנטקעגן,
מיט פרייַלעכקייט און מיט געזאַנג.

מיין גלויבן כ׳וועל אין דיר פאַרלירן,
ווי אַ יתום פאַרלירט זיין מאַמען...
אָבער נישט געפאַלנקייט דערשפירן,
צוליב אַ מום אין מיינע גראַמען.

איך וועל נישט פאַרלאָזן זיך אויף דיר,
ווי אויף גאָט מיין זיידע האָט זיך פאַרלאָזט ;
ס׳קלאַפּן לידער אין מיין טיר,
ווי ווינטער־צייט אין שויב דער פראָסט.

ס׳איז מיין ליד ווי פלאַנץ אין פעלד,
וואָס ווייסט נישט פון קיין גערטנערס האַנט ;
ס׳האָט פאַר איר די זון פאַרשטעלט
אַ האַרץ — פאַרשטיינערט ווי אַ וואַנט.

איך וועל אַליין אַ גערטנער ווערן,
מיין פלאַנץ וועל איך צערטלען טאָג־איין, טאָג־אויס ;
ווען אַלע היישעריקן כ׳וועל צעשטערן —
מיין פלאַנץ וועט וואַקסן ווי אַ רויז.

האַרבסט־מאָטיוון

אַז עס פאַלן בלעטער פונעם בוים,
מיינט נישט ס׳איז אַ סוף צום טרוים.
ווען אין פעלד ס׳גראָז ווערט געל און טרוקן,
ווי די באָרד ביים אָפּגעלעבטן זקן,
און דער ווינט פאַר כעס אַזש טרעסעט שויבן,
מיינט נישט אַז ס׳איז אַן עק צום גלויבן.

אַז נעסטן אונטער סטריכעס ווערן פּוסט און שטום,
נאַס, נעפּלדיק און קלעפּיק דער אַרום,
און דורך אַ מינדסטן וואָלקן ווערט די זון פאַרשטעלט,
מיינט נישט אַז ס׳איז אַן ענדע צו דער וועלט.
די זון־שטראַלן וועלן וואָלקנס דורכשטעכן
און העלקייט וועט ווידער וועלט דערגרייכן.

אַז פייגל צו וויטע לענדער פליען,
ווייל די זון האָט אויפגעהערט גליען,
און דער טאָג איז מער נישט לויטער ווי בורשטין;
דער גאָרטן — געל און מער נישט גרין,
מיינט נישט אַז מ׳דאַרף פאַרלייגן שוין די הענט,
און ווערן ווי דער שטן אויף די ווענט . . .

ב ר ו ך ־ מ א י ר ב אָ ב י ק

ווערטער

אַך, ווי שיין עס זיינען ווערטער,
זייער קלאַנג איז ווי מעטאַל ;
ווי זיי הילכן ווי געלעכטער
און זיי פליסן ווי אַ קוואַל.

ביים פּאָעט זיי זיינען לידער,
ביי אַ מעקלער — מעקלעריי ;
ביי דעם ליגנער אין דער נידער
זיינען ווערטער — קיי און שפּיי . . .

ס׳האָט פאַרשמעקט מיט פרילינג

מיינע ווייסע האָר ווי פרישער שניי,
ווי ס׳וואָלט געשמעקט מיט פרילינג;
אימאַזש, בילד אין געדריי
איז מיין באַליבטער צווילינג.

זיץ איך מיר אין שפּעטער צייט,
ווען מח, גוף און אויגן רוען;
איך שרייב אַ וואָרט, אים גלייך פאַרבייט,
ביז דער הימל הויבט אָן בלויען.

אַ בילד אַרויסגעבראַכט פּולבלוטיק,
שורות, וואָס לעבן ווי אין טאַנץ;
פיל איך זיך נאָך פריש און מוטיק,
ווען זון אין שויב עס טוט אַ גלאַנץ.

ב ר ו ך־מ א י ר ב אָ ב י ק

צום נייעם פרעזידענט

(געזען די אינאַגוראַציע אויף טעלעוויזיע)

איך האָב מיט מיין קוק אַ ברכה דיר געשיקט,
געבעטן אַז דיין וועג זאָל באמת זיין באַגליקט.

אַז ס׳פאָלק, דאָס גרויסע, וואָס האָט דיך אויסגעוויילט,
זאָל לעבן אָן שרעק און זיכער — נישט ווי אין אַ געצעלט,
וואָס איז אויף אַ ווייַלע אויפגעשטעלט.

אַז אונזער טייער לאַנד, וואָס איז יונג און שיין,
זאָל זיין אויסגעהיט פון קריג און געוויין.

אַז הערצער מאַמעשע, פון בענקעניש צעבראָכן,
זאָלן אויפהערן צו קרעכצן און האָכן;
זאָלן יום-טוב׳ן אפילו אין דער וואָכן.

איך האָב מיט מיין בליק אַ האָפענונג דערזען
אַז מיט דיין קומען מוז דער נס געשען!

וואָס זאָל די וועלט פון אונטערגיין פאַרהיטן,
און די שטרויכלונגען מוזן ווערן פאַרביטן,
ווי אויף שניי — אַ וואָגן אויף אַ שליטן.

איך האָב געבעטן: דאָס פאָלק זאָל לעבן פריי, אָן שרעק,
אַז צום „היים-קאַלטן״ קריג זאָל שוין נעמען אַן עק!

דער גייסט פון דזשעפערסאָן און לינקאָלן, דער באַפרייער
זאָל אויף אייביק, אייביק זיין אונז טייער,
און אויסלעשן זאָל זיך פון האַס דאָס פייער!...

שלום

איך האָב לאַנג שוין מיין גורל מיט שלום פאַרבונדן
ווייל רוי, נישט פאַרהיילט זיינען נאָך אַלץ מיינע וואונדן.
איך האָב לאַנג שוין געשוואוירן פאַר פרידלעכער מי —
ווי פרידלעך דער מאָרגן, וואָס קומט אין דערפרי.

שלום מיינט בויען און — פעלדער פאַרזייטע;
שלום מיינט הייזער צום לעבן פאַרגרייטע,
שלום איז לייוונט דאָס לייב צו פאַרדעקן,
שלום מיינט בלומען פאַר מענטשן צו שמעקן...

פאַר יאָרן און יאָרן פאַרשעלט איך דעם קריג.
אויב אַ מענטש איז געפאַלן — וואָס טויג אַזאַ זיג?
אויב אַ הויז איז צעשטערט, און אַ בלום איז צעטראָטן,
אויב אַ פּיצעלע קינד האָט פאַרלוירן זיין טאַטן,

און אַ דעמבענער יונג, ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן
איז מיד שוין פון לעבן און בעט זיך צו שטאַרבן —
איז וואָס איז די פרייד און וואו דער נצחון,
אויב ווי אַ בוים איז געפאַלן מיין שכן?!

ברוך־מאיר באַביק

אַ בילד פון די קריזיס־יאָרן

אַן אויפגערעגטער, מיט ברודיקן פּעטש אויפן געזיכט,
אין שמאַלציקן גלאַנץ די קליידער איינגעריכט,
אין האַנט אַ שפּייז-קעסטל פון שוואַרצן בלעך —
האָט דזשאָן אָ׳קאָנער, קוים כאַפּנדיק דעם דוך,
אויף די קרעכצנדיקע שטיגן געקלעטערט
און אומרואיק דעם אייריש ן „עקאָ״ געבלעטערט.

מיט כעס זיין טיר האָט ער אויפגעפּראַלט,
און אַ וואָרט אַרויסרעדן נישט געוואָלט.
ס׳איז דזשאָן אָ׳קאָנער געווען שטאַרק פאַרביטערט,
פון פאַרדרוס האָט זיין גאַנצער גוף געציטערט;
ער האָט אַראָפּגעשלעפּט די צוויי-זויליקע שיך,
געזייפט, געוואַשן זיך אויף גיך,
פון צייט צו צייט געטאָן אַ ברום,
אַזש געציטערט האָט דער אַרום!

זיין מויל האָט געזידלט מיט „הינטישער זון״ —
ער האָט זיך געיאָגט אַהער און אַהין.
זיין ווייב דערשראָקן און צעמישט
האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אַ טרער געווישט;
זי האָט געלייענט פון דזשאַנ׳ס געזיכט,
אַז פּאַסירט האָט עפּעס אומגעריכט.
— טעל מי, דזשאָן, וואָט׳ס דהי מעטער?
זיין ענטפער איז: איט וויל נעווער בי בעטער!

פרוי אָ׳קאָנער פאַרשטייט דעם באַדייט.
ס׳האָט איר געטונקלט אין די אויגן,
בייזע געדאַנקען אין קאָפּ איר געפלויגן:

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

דער לענדלאָרד הייסט זיי זיך פּאַרנעמען,
אויף באַרג אין קלייט זי קען מער נישט באַקומען;
די קינדערלעך באַרוויסע, נישטאָ אויף קיין שיך,
אין הארצן טיאַכקעט און קלאַפּט, ווי אַ זייגער גיך...

***

ס'האָט דזשאָן אָ'קאָנער, דער איירישער ריז,
אַ ברייטער, אַ הויכער, ס'פּנים פאַרברוינט,
האָט ארומגעבלאָנדזשעט אַ צעמישטער,
זיך געבייזערט און געשטוינט.

ס'האָט דזשאָן אריינגעלעבט שוין פינף יאָרצענדליק
און נישט געוואוסט צו זיין פּאַרטראַכט;
געאַרבעט, געגעסן, שפּאַצירט מיטן הונט
און די זונטיקס אין קלויסטער פאַרבראַכט.

שטאָלץ געווען מיט אַלץ וואָס איז איריש,
אָנגעקוואָלן פון גרינער פאָן;
געווען פאַרכאַפּט פון בייזבאָל שפּיל,
און איבערן קאָפּ מיט „סווימסטעיקס" פּאַרטאָן...

ס'וואָלט אפשר דזשאָן זיך אויסגעלעבט
צופרידן און מיט זיין דאָליע שטאָלצירט,
ווען נישט דער מאַנסע־קריזיס
וואָס האָט אין לאַנד פּאַסירט.

איצט איז דזשאָן אַ היציקער בעל־דברן,
אויף פּאָליטיק אַ מבין אַ געניטער;
הויבט ער אָן צו געבן לשון
איז ווי פּריסיק בריט ער.

ב ר ו ך ־ מ א י ר ב אָ ב י ק

ס׳רעדט ביי אים דאָס גאַנצע מויל,
זיינע אויגן — פייער־פונקען שיטן;
ס׳איז פון צאָרן אַ פאַרפלייצונג
ווען ס׳צעגליען זיינע בלוטן.

ער שפּאַנט אַרום מיט אויסגעדרייטע אַפּצאַסן,
דער לאָמבער־דזשעקעט צעכראַסטעט;
ער זוכט אַ דזשאַב, ער מעסט די גאַסן,
און מורמלט כסדר: איי׳ם דיסקאַסטעט!

הרג׳ט צייט אין סאַלון און אויף ראָגן,
פון אַלע זייטן שרייט די נויט;
ווייב און קינדער זיך באַקלאָגן:
נישטאָ אַפילו קיין פּיצל ברויט!

***

ס׳האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר,
ס׳איז אַריין אַ אינגל מיט אַ פּאַק פּאַפּיר:

—לוק, פּאַ, ס׳סעיז: נאָ וואָירק, נאָ רענט —
אָבער דזשאָן וועט אַזעלכעס נישט נעמען אין די הענט.
דזשאָן איז אַ מענטש פון אָרדענונג און געזעץ:
— דאָנט יו, סאָני, ליסן טו דהאָז פאָרעינערס, דהאָז רעדס! —

אַזוי האָט דזשאָן באַפעלעריש צום זון געזאָגט,
און דאָך האָט אַ געדאַנק, ווי אַ וואָרעם אים גענאָגט.
— דזשי, פּאָ, דזשים איז נאָ פאָרעינער, הי ענט נאָ רעד,
ענד סאָ איז אַאור נייבאָר, מיסטער טעד!

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

דאָס בחור׳ל מיט דעם בייזבאָל־שטעקן,
אין אַ גאַרניטער פון שמאַטעס מיט פלעקן,
פון הונגער איז זיין פּנים, ווי די לבנה בלאָס,
און קויטיג פון אַרומוואַלגערן זיך אין גאַס.

ווען דזשאָן האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט,
אַ נעם געטאָן אַ ליפּלעט אין דער האַנט,
האָט זיך אים, ווי אויסגעדאַכט,
אַז ער באַליידיקט וואַשינגטאָנען אויף דער וואַנט!

באַלד האָט ער פון קעשענע אַרויסגעשלעפּט די בריל,
מיט אַ פּאָלע פון פּידזשאַק די גלעזלעך אויסגעווישט;
אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיך צוגעקוקט צום דיל
ווי פּאַוואָלינקע די ליפּלעטס האָבן זיך געמישט.

— איט איז עז טרו עז איי עם ליווינג! —
האָט ער זיך געוואונדערט און געלייענט;
ער האָט אַ גלאָץ געטאָן אויף וואַשינגטאָנ׳ען
און האָט זיך ווי פאַרשעמט.

ברוך־מאיר באָביק

פעסימיסט

א פאַרטרוימטער אין גאָרטן ער שפּאַנט,
בלומען בלויז רירט אָן זיין האַנט;
פאַרפיום בלויז פון דער לופט ער שמעקט —
דעם ריינסטן האָניק בלויז ער לעקט...

וויקעלט זיך אינעם אַלטן מיטל,
ווי אַ פרומער איד צום סדר אין אַ קיטל;
שטאָפּט דאָס פאָלק ווידער און ווייטער
מיט הייליקייט פון ברענענדיקן שייטער...

תשעה־באב׳דיק איז זיין ניגון,
קיין טראָפּן פרייד ער טראָגט אנטקעגן;
ווי אַ פאַרליבטער, אַ פאַרבענקטער
דעם גאַנצן היינט — דעם נעכטן שענקט ער.

ס׳קומט דער מאָרגן זיך באַווייזן,
שטורמיש, שטאַרק, ווי שטאָל און אייזן;
ער וועט אויף וועג צעשטערן דערנער,
אָבער אויך פאַרפלאַנצן געזונטע קערנער.

זאָל זיך נאָך רויטלען דיין קאָליר

די שפּיגלדיקע טרער וואָס האָט פון דיין אויג אַרויסגעגלאַנצט
ווען דו האָסט, דריקנדיק מיין האַנט, „גוד-באַי״ צו מיר געזאָגט,
האָט אין מיר אַ שוואַרצע פּוסטיקייט פאַרפלאַנצט,
אַ שלאַנג אַ גיפטיקע, וואָס נאָגט.

ס׳האָט מיין ליכט מיטאַמאָל זיך אויסגעלאָשן,
אַ פינצטערניש — מיטן פינגער אָנצוטאַפּן.
מיר דאַכט: מיין לעבן איז נישט ווערט געוועזן קיין גראָשן —
שווער געוועזן דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.

מענטשן פאַרוואונדערטע און פאַרגאַפט
האָבן אָנגעשטעלט רחמנות׳דיקע בליקן;
איך — אויף פּיס, ליימיקע, אָן קראַפט,
ראַנגל זיך, אָבער טרערן שטיקן.

מיט אַרבעט שווערער איך פּרואוו זיך צו באַטויבן,
צו באַרואיקן מיין אויפגערעגט געמיט;
ווי אַ גלויביקער איך שטאַרק אין זיך דעם גלויבן:
אַז פון אַלדאָס בייז וועסט זיין אויסגעהיט!

עס האָט דיין שיינענדיק צעגליטער פּנים
נאָך העלער זיך צעשיינט, צעגליט;
די גאַנצע יוגנטלעכע פרישקייט
האָט אויף דיינע באַקן זיך פאַרהיט.

ברוך־מאיר באָביק

בעט איך: אומבאַשעדיגט זאָלן זיי פאַרבלייבן...
זאָל זיך רויטלען נאָך דער לויטערער קאָליר;
גאָר אין גיכן, געזונט און מונטער
זאָלסט באַטרעטן פון דיין הויזגעזינט די טיר!

מיט האָפענונג באַלאָדן, מוטיק און מיט גלויבן —
דאָך רייסט זיך פון מיין אויג אַ טרער;
איך בעט דיך גאָט, אין הימל, אויבן:
מיין גרויסע האָפענונג נישט צעשטער!...

ברודער מיינער, נחום

פאַר וועמען, נחום, ביזטו גלאַט אַ נאָמען פון אַ מענטש,
פאַר וועמען — נאָך אַ סאָלדאַט געפאַלענער אין טרענטש.
ביי מיר ביזטו אַן אומפאַרהיילטער ווייטיק —
אַן אבר אָפּגעריסענער פון קערפּער;
אַ יאָטערדיקע וואונד אויף אַלע יאָרן,
ווייל אייביק וועסטו פריש זיין אין זכרון;

ווי אַן איינמאָליק אויפגעשיינטער שטערן;
ווי דער גלאַנץ פון אַ טאַטנס טרערן.
ס'האָט וועלט-צער אויף דיין האַרץ געדריקט,
זעלבסט-ווייי האָסטו שטיל אין זיך דערשטיקט.
האָסט זיך געפרייט מיט פרעמדנס פרייד
ווי אַ כלה מיט איר חופה-קלייד.

דערציילן ווי איך ליב דיך, ווי אַ מאַמע ליבט איר קינד?
ווי ס'איז שווארץ און פוסט דאָס לעבן מיר אַצינד?
פון נעכט מיט נישט-פאַרמאַכטע אויגן,
און קוים שוין קוים דעם טאָג דערצויגן?

אוי, ווי ס'פלאַגט דיין שוואַרצער, זיידענער קאָפּ האָר!
דיין ווייכער פנים, דיינע פראָפּעטיש-קלוגע אויגן;
הלוואי וואָלט דאָס געווען חלום אָנשטאָט וואָר —
אַ מעשה פון נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

אוי, ווי ס'האָט זיך אָנגעפילט מיין שטוב מיט יום-טוב,
ווען פלעגסט באַווייזן זיך אין טיר;
דאָס האַרץ האָט דעמאָלט אָפּגעלאָזט
ווי פון זונשיין אויף שויבן דאָס געפריר.

ברוך־מאיר באָביק

פאַר׳יתומט קוקן אוים די ווינקלען פון מיין הויז,
ווי אין אַ גאָרטן — אַ פאַרוויאַנעטע רויז;
בלויז פאַרבליבן איז פון דיר אַ אויל־פּאָרטרעט,
און אין אַ ווינקל ביי דער וואַנט — אַ ליידיק בעט!...

פאַרוואָס, אָ, גאָט, איז געווען דיין ווילן
אַ קול אַ מעכטיקס צו פאַרשטילן
אַ בוים אָפּברעכן אין מיטן בליען?
איז ווער וועט זיך איצט פאַר קראַנקע מיען?
ווער וועט העלפן, ווער וועט היילן?
רפואות פאַר קראַנקע ווער וועט טיילן?

מיין בליק איז געפאַלן אויף דיין טיש,
וואו ערשט געזען דיך געזונט און פריש,
דיין האַנט באַטאַפּן אַ פּאַציענט
פאַר׳יתומט זיינען איצט די ווענט...
אינסטרומענטן בענקען נאָך דיין ריר —
איך הויב די אויגן אויף צו טיר:

אפשר וועט אַ נס געשען,
איך וועל דיך נאָך אַמאָל דערזען
אין דיין כאַלאַט אין ווייסן, ריינעם,
דעם ערנסט אויף דיין פּנים שיינעם.

אומזיסט איך קוק, אומזיסט איך טאַפּ,
ס׳הערט זיך נישט אין טיר קיין קלאַפּ;
דער טעלעפאָן טוט נישט קיין רינג,
אויף טיר ס׳גלעקל — נישט קיין קלינג!

ווען דו האָסט געבלענד מיט דיינע פאַרבן

(געווידמעט צו דען ראַבעלס)

פאַרוואָס זיך שעמען און דעם קאָפּ פאַרקירעווען אין אַ ווינקל,
ווען ס׳וויינט דאָס האַרץ און די אויגן גיסן טרערן;
אַז ווי אין אָוונט ס׳איז געוואָרן טונקל,
האָסטו זיך אויסגעלאָשן, ווי אַ שטערן —
צו וואָס מיך טרייסטן אַז צייט וועט ווי אַ דאָקטאָר היילן?
ווער דאַרף, ווער וויל געטרייסט דען ווערן?

ס׳וועט דיין חברשאַפט מיר פעלן,
ס׳וועט ניט שיינען מער מיין שטערן...

ווי ס׳איז קרום דאָס פאָרן זיך פון קרום מיט גלייך,
איז דיין לעבעדיקייט דאָס פאָרן זיך מיט שטאַרבן;
ס׳איז גוט געווען צו גיין אויפן יום־טוב׳דיקן שליאַך,
ווען דו האָסט אַ בלענד געטאָן מיט אַלע דיינע פאַרבן.

רעמבראַנדן פאַרשטאַנען, כמעט געווען מיט אים אויף „דו״,
בעטהאָווענען — געשפּילט אויף אַלע נאָטן;
ווי אַ קינד אַ שפּילעוודיקס אין „זו״
וואָס פרייט זיך, ווען מאַלפּעס הוידען זיך אויף דראָטן.

קערפּערלעך — נישט קיין שמשון פון תנ״ך,
מיט באַברילטע, וואַרעם שמייכלענדיקע אויגן;
אוי, ווי ס׳בענקט זיך נאָך דיין לאַך,
נאָך דיינע טיפע דורכדרינגענדיקע אויגן!

ברוך־מאיר באָביק

צופעליק האָט פּוס פאַרבלאָנדזשעט
אויף גאַס פון אונזער טעגלעכן שפּאַציר;
אוי, ווי טרויעריק, ווי אומעטיק
די גאַס זעט אויס אָן דיר!

אויסערלעך — ס'האָט קיין זאַך זיך נישט געביטן:
די זעלבע הייזער, די זעלבע פלעמלעך פינקלען דורך די שויבן;
און אויפן גראָז, אַרום דיביימלעך,
דאָס זעלבע וואָרקען פון די טויבן.

אָבער ס'הויבט אָן ציטערן מיין פּוס,
ווען די זעלבע ערד באַרירט מיין זויל;
איך דערפיל אַ שטיקעניש אין האַלז
און ווי אַ קינד כ'צעוויין זיך אויפן קול.

צו וואָס זיך שעמען און דעם קאָפּ פאַרקירעווען אין אַ ווינקל,
ווען דאָס האַרץ וויינט און די אויגן גיסן טרערן;
אַז ווי אין אָוונט ס'איז געוואָרן טונקל,
האָסטו זיך אויסגעלאָשן ווי אַ שטערן...

דריי קליינינקע שוועסטערלעך

דריי קליינינקע שוועסטערלעך ווי ביימעלעך גרינע,
האָבן זיך לאַנגזאַם און עלנט איבערן ים געטראָגן.
דער ים האָט געראַשט, די שיף האָט געציטערט,
און בלוי זיינען געווען די פּאַרטאָגן.

ליגן שוועסטערלעך אין בעטלעך און טראַכטן:
— ווער־זשע וועט מיט ליבשאַפט אויפן ים־ברעג פאַר אונז וואַרטן?
— ווער וועט ווי אַ מאַמע אונז דריקן צו דער ברוסט,
נישט שלאָפן דורך דער נאַכט אויב עס טוט אַ קינד אַ הוסט?
און רואיק זיינען שוועסטערלעך געשלאָפן דורך דער נאַכט.

אויף מאָרגן האָט אויפסניי אויפגעשיינט די זון,
איין שוועסטער האָט געדענקט, אַז געקרייעט האָט אַ הון.
אָבער דאָס האָט גאָר די שיף געסאָפּעט און געיאָגט:
„היינט קומען מיר צום ברעג" — האָט עמיצער געזאָגט.

שוועסטערלעך, ווי ביימעלעך, וואַקסן און זיי בליען,
און די יאָרן — פליען, פליען!
אָט ערשט זיי צעפּעלעך פאַרפלאָכטן,
מיט טשייכן זיך געשפּילט אין גאָרטן;

ערשט איילענדיקע פיסעלעך אין שול אַריין געלאָפן,
מיט פּנים'לעך געוואַשענע און אייגעלעך פאַרשלאָפן . . .
און איצט — קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן,
קלוג און שיין, ווי אַ כּלה געראָטן!...

ברוך־מאיר באָביק

איינע פון די נעכט...

גערוען איז היינט אַ נאַכט — איינע פון די נעכט —
געקאַטשעט זיך פון לינקס אויף רעכט;
געוואָרפן די קאָלדרע כסדר צום דיל,
קיין מינוט נישט איינגעליגן שטיל.
געהויבן דעם צוקאָפּנס אומצייליקע מאָל,
און ס'האָט מיין בעט פון געפּאַרבטן שטאָל
געסקריפּעט און געקריטשעט
ווי אַ קינד אַ קראַנקס, וואָס קוויטשעט
ווען ס'דערפילט דאָס אָנקומען פון ספּאַזם.
טענה איך צום שטערער מיט פּאַקטן איך באַווייז אים:
„איך מוז, איך דאַרף אַדורכשלאָפן די נאַכט,
ווייל אויף מאָרגן אַ טאָג מיט אַרבעט וואַרט".
שטעלט ער זיך אָוועק און האָט טענות גאָר צו מיר:
„האָסט אַרויסגעבראַכט אַזוי פיל לידער אויף פּאַפּיר —
דיין בלוט האָסטו געגוצט פאַר טינט . . .
דאָס לעבן, ווי דער היינט — אָט־אָט פאַרשווינדט,
און זיי ליגן אין דיין קאַסטן איינגעפּרעסט,
און ווי אַ קאַץ — אַ מויז דער מאָיל זיי פרעסט...

איך פרײ זיך מיט דער זון

איך פריי זיך מיט דער זון
און ברוגז זיך אויף וואָלקנס וואָס קומען זי פאַרשטעלן.
ווי אַ שמייסער מיט זיין בייטש, ווען מ׳טרייבט אים אָן,
איך טרייב דאָס בייז פון מיינע שוועלן.

ברודערלעך גוט־מאָרגנס געטראָגן דיר אַנטקעגן,
און דיינע ליפן האָבן נישט פאַרגונען קיין גוט־יאָר;
האָסט שטיינער שאַרפע, שפּיציקע געלייגט מיר אויף די וועגן,
ווען געראַנגלט זיך צו דערגרייכן כ׳האָב די וואָר.

איך האָב זיך געריסן ווי אַ אָדלער צו דער הויך,
זיך אָנגעשטרענגט צו דערגרייכן דעם זעניט . . .
ווי אַ דאמבע דאָס רוישנדיקע וואַסער
פאַרהאַלטן האָסטו מיין פליען אין דערמיט.

איצט געפין איך יעדן טאָג אַ זוניק אָרט,
באַשירעמט פון ווינט מיט אַ דראָטענעם פּלויט.
ווען עס כאַפּט אויף מיין אויער אַ גיפטיק וואָרט,
וואָס שטעכט ווי מיט שפּילקעס מיין הויט,

גראָב איך זיך טיפער אין שטראַלן פון זון
און לאָז זיי מיך גלעטן, קושן און ברוינען;
ווען דער טאָג איז צו ענד, דער אָוונט קומט אָן,
אייל איך זיך שנעל צו דער היים, וואו מיר וואוינען.

און מיט זויבערקייט שפּרייט איך אוים מיין געלעגער,
מיט וואַרעמקייט פיל איך אָן מיין געצעלט;
כ׳פאַרגעס נישט אויף וואַנט צו אָנציען דעם זייגער,
און איינהילן דעם גוף, ער זאָל נישט ציטערן פון קעלט...

ב ר ו ך ־ מ א י ר ב אָ ב י ק

פראַגן־שטעלער

אויפֿן וואַרעמען געלעגער,
אין דער פינצטער פון דער נאַכט,
שטעלט אַ פראַגע מיר דער פרעגער —
און איך ליג שוין און איך טראַכט.

ס'נעמט קיין שלאָף נישט מער די אויגן,
יעדן ריר כאַפּט אויף דאָס אויער;
ווי פייגעל פראַגן אָנגעפלויגן
דורך אַן אויפגעפראַלטן טויער.

ס'איז אַ „ראָש־האַוער" אין מיין מוח,
פראַגעס רייסן זיך און איילן;
ס'האָט אַ שוואַרצנעפלדיקער רויך
אַ טראָג געטאָן פון ווייטע מיילן.

און דער זייגער: טיק־טאַק־טיק־טאַק —
די צייט ווי וואַסער־וועסלעם שטויסט;
קלאַפּט די שטונדן אוים צום טאַקט
און מיט זיין פינקטלעכקייט זיך גרויסט.

די לבנה אין מיטן הימל
וואַרפט אַ בליק צו מיר דורך שויב;
איך וויל, פרעגער, טאָן אַ דרימל,
ווי אַ מידער פורמאַן אין זיין בויד.

וואָס איז פאַלש און וואָס איז אמת —
מוז איך דווקא היינט באַשיידן:
פאַרוואָס דער מענטשן־מין, ווי בהמות,
געפינט אין צעבער זיין גן־עדן?

ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

וואָסער ענטפער זאָל איך געבן
צו די אַלע פראַגן־שטעלער?
אַז ס׳ביסל גלויבן, וואָס פאַרבליבן,
ווערט נאָך טונקעלער אַנשטאָט העלער!

אַז די וואָס שרעקן זיך פאַר זון־שיין
זוכן אויף דער זון בלויז פלעקן;
צו שטאַרק דער ריח פון דעם ווייַן
פאַר זייער קראַנקער נאָז צו שמעקן.

וואו נעמט מען ברויט אָן שום קלייען,
גוט פאַרברוינט און אויסגעבאַקט;
אַז ביי אַלע מילן היט אונז קין,
און טיר פון מילן האַלט פאַרהאַקט?

דער עזות־פּנים׳דיקער פרעגער
איז זיך נוקם אין מיין שלאָף;
ווי אַ ריכטיקער קטיגור
ער פאַרלאַנגט אַ פולע שטראָף:

האָסט אַ האַרץ — מוז עס בענקען,
ווי ס׳בענקט אַ מאַמע נאָך איר קינד;
האָסט אַ מוח — מוז ער דענקען
און נישט טראָגן זיך מיט ווינט.

ס׳הויבט אָן קישן קאָפּ צו קוועטשן,
צום צענטן מאָל איך דריי זיך איבער;
כ׳וועל דיר, פרעגער, קאָפּ צעפּלעטשן
אויב אַ פראַגע שטעלסט מיר ווידער!

ברוך־מאיר באָביק

דער נעגער־רעוואָלט

ס׳האָט נעגער־פאָלק, ווי אַ צעבורעטעטער ים
אַ גאָס געטאָן מיט כעס, ביטער ווי סם;
ס׳איז דער שווארצהויטיקער צאָרן אַריבער דעם ברעג
אין די לאַנגע, היציקע און ביטערע טעג.

דאָס האָט מיין אויג אין האַרלעם געזען:
אויף ראָגן נעגערשע צאָרנדיקע יונגען שטייען;
הונגעריקן כעס אויף גאַסן געגאָסן,
בייזן געלעכטער און טיפע פאַרדראָסן.

וויסטע נעכט און פוסט־ליידיקע טעג
האָבן שאָטנס געוואָרפן אויף שטעג און וועג;
געוועלבעשער רייכטום האָט אויגן גערייצט
ביי הייזער מיט ווערים און ראַצן פאַרפּלייצט . . .

ס׳איז דער קויטיקער וואַנט און דער זשאַווערדיקער וואַסער־רער
דעם צאָרן איינצאַמען געוועזן איז שווער.
רייסט זיך דער צאָרן אויף גאַסן און ראָגן,
פאַרברענגט אויפן „סטופּ״ פאַרנאַכטן, פאַרטאָגן;

קריגט זיך און גריסט זיך מיטן „דזשעזי״ אויפן דאַך,
כאָטש שפּעט איז די שעה — דער „סטופּ״ איז נאָך וואַך.
וואָס האָט ער צו איילן? וואָס קען ער פאַרלירן?
סיי־ווי איז אין הויז נישט מיט אַן אבר צו רירן:

ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט

באַלייגט איז דאָס בעט שוין מיט קינדער אַ האַלב טוצן,
און שוויסיק, צעביסן די אַלטע מאַטראַצן;
אין צעשפּאָלטענע ווענט זינגען די גרילן —
קיין טראָפּן האָפענונג דעם צאָרן צו שטילן!

איז וואָס אַז דאָס מיסט איז צעשפּרייט אויף די טרעפּ
נאָך פון נעכטן און אייערנעכטן און יאָרן העט-חעט?

איז וואָס אַז ווי אַ רעגן פון סטעליע עס רינט,
און שוואַרץ זיינען די ווענט, ווי געפאַרבטע מיט טינט;
איז וואָס אַז צעבראָכן דער דיל איז, די ברעטלעך צעלעכצט,
קוים וואַגסטו אַ שפּאַן טאָן — סקריפּעט און קרעכצט?

איז וואָס אַז אין פענצטער זיינען שויבן צעבראָכן,
און דער אויוון ווייסט נישט וואָס מיינט גאָר קאָכן
יעדן טאָג אַ זאַטן געקעכטס —
אוי, ווען וועט זיך שוין אָפּטאָן פון לעבן דאָס שלעכטס?!

ברוך־מאיר באָביק

דער שוואַרצער ריז

אַ קוק טאָן אויף אים — אַ ריז,
זיינע אויגן שטעכן ווי אַ שפּיז.
פּלייצעס ברייטע, ווי דובינעס — הענט,
כאַטש נעם און ברעך מיט זיי די ווענט!

איז וואָס־זשע טוט ער, אָט דער ריז,
וואָס זיינע אויגן שטעכן ווי אַ שפּיז;
מיט פּלייצעס ברייטע ווי אַ טויער —
כאַטש נעם און שפּאַר אונטער אַ מויער?

ביז האַלבן טאָג ער שטופּט אַ בעזים
(אַ דזשאָב אַזאַ — אַז ווינד און ווייַ איז אים)

קלייבט פּאַפּירלעך פון דער ערד,
און דרייט זיך ווי דער בלינדער פערד
די ראָד פון שטעטלס ברונעם.
ווען קוקסט זיך איין אין זיין שוואַרצן פּנים,

וואָס גלאַנצט כאַטש ס'איז מיט שטויב באַדעקט,
איז נישט ווילנדיק אַ געדאַנק דיך שרעקט:
אַז אויך דיין שולד איז נישט אומבאַרירלעך,
וואָס אַ גבר אַזאַ גאָר קלייבט פּאַפּירלעך,

און פּטר'ט צייט אויף אַ בעזים שטופּן...
פאַרקריצסט די ציין, פאַרפּרעסט די ליפּן,
פון דיין האַרץ און מויל זיך רייסט אַ קללה
אויף דער בלוטיקער חוכא וטלולא!...

דאָס באַבערדלדיק געזיכט

איך בין היינט פאַרבייגעגאַנגען דיין הויז, אָ, שכן —
היתכן?
אַ האַנט אַ קרעפּטיקע, אַ ביינערדיקער קולאַק
און דאָס לייב געוויקלט אין אַ צוקער־זאַק;
צוויי קלאָצעדיקע פּיס — פון ביימער העכער,
און שטיוול דורך און דורך מיט לעכער —
היתכן?
— זאָג מיר, שכן!

אפשר גענעצסטו ווי אַן אייזל אָוועק די טעג,
דערפאַר די שווערע שטיינער אויף דיין וועג,
די טרערן פון די רערן אויף דיין סטעליע,
פון גריל און שטשורעס — די קאַפּעליע —
אפשר גאָר די ווילדע זאַבאָבאָנעס
וואָס טשאַדען אין דיין קאָפּ די נאָנעס —
היתכן?
— זאָג מיר, שכן!

האָט ווען די זון דיין שויב געטאָן אַ ברי,
ביי טאָג אַמאָל, צי אין דערפרי?
האָט די לבנה קאַלטע, בלאַסע
דערציילט אַמאָל דיין קינד אַ מעשה?

האָט אפשר דאָס אַש פון קויל,
צי דאָס פעטס פון אויל
אַזוי פאַרשמירט דיין פענצטער,
אַז אַפילו אַ שטראַל דער קלענסטער

קאָן אויך דיין קעלער־שטוב נישט גרייכן —
גלייך ווי ס׳וואָלט געגעבן ווער אַ צייכן,
האָט זיך אַ ריר געטאָן דאָס שווערוואָגיקע געשטאַלט
ווי איינער וואָס איז קראַנק, מיד און אַלט,

און מיט פינגער ווי אָן אָנגעגליטער שפּיז
אַ ווייז געטאָן צו דעם קאַרניז:
— אין דער ראָם דאָס באַבערדלדיק געזיכט
האָט אומזיסט, אומנישט דעם קריג געפירט!

מיט קיי־טאַבאַק ר׳האָט אָנגעפילט זיין מויל,
און מיט די הענט שוואַרצער נאָך פון קויל
האָט ער זיך אָנגעהויבן ביים „באָילער" פאַרען —
דאָס טליענדיקע פייער צעטאַרען.